STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08452

TRIT IN BAGINEN

Yehoshua Monik Lederman

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. מאניק / טריט אין באגינען

י. מאניק

טריט אין באגינען

פארלאג „אנקער" חיפה

Copyright, 1955,
by I. Manik - Lederman

דפוס „אות", ת"א־יפו

אין זוניקן הי

* * *

מיין קאָפּ שוועבט
איבער בוים, איבער פעלד, איבער זאנג,
און וואו איך גיי, קומט מיר אקעגן
דיין גאָלדן געזאנג.

אומעטום, אויף שריט און אויף טריט,
אינם יאָך פון דיין חלום געשפּאנט,
רידערט מיט שאָף און מיט בוי
פון אונטער דיין האנט.

דאָרט, וואו זומפּ האָט געלויערט מיט טויט,
גרינען היינט פעלדער אין בלי,
בליען היינט דערפער אין גלי, —
פרוכט פון דיין זוניקער מי.

פרייט זיך אין שטוינונג מיין בליק:
עס וואקסן דאָ אויס ווי דורך כישוף
צעפינקלטע, רוישיקע שטעט,
און ס'בליט־אויף א ישוב נאָך ישוב.

חדרה, 1936

דורכן פענצטער פון דער באַן

איך שטיי ביים פענצטער פון דער באַן
און באַטראַכט מיט וואָג און מאָס
יעדן לויפנדיקן שפּאַן,
ווי אַן אַלטער באַלעבאָס...

כאָטש עס איז מיר שוין באַקאַנט
יעדער בוים אויף יעדן ראַנד,

שטוין איך תמיד פונדאַסניי,
ווען עס לויפט אַ וואַלד פאַרביי,

און אַ דערפעלע אין בלי,
און אַ טשערעדע פון קי.

ווייל איך האָב אין יעדער בייט
דאָ אַ קערן צייט פאַרזייט,

און צו יעדן ביימל'ס גריים
בייגעשטייערט האָב מיין שוויים.

יעדן דאָרן אין דעם שלאַקס
האָב איך אויפגעמונטערט: וואַקס!

און מיין האַמער זיינע קיש
האָט געשענקט איעדן כביש.

יעדער סאַזשעלקע און טייך,
צו'ן אַ בלויען דימענט גלייך,

איבער לאַנדשאַפטן צעשאָטן, —
כ'האָב אין זיי געלאָזט מיין שאָטן,

און מיין שאָטן מיט געצאַפּל
היטן זיי אין זייער אַפּל...

חדרה

געקומען צו דיר בין איך זומער,
און אויפגעבליט האָסטו אין ווינטער:
צופיסנס מיט מאנדלבליט ווייסן;
די פעלדער מיט פרייד, מיט צעגרינטער...

די דופטן פון דיינע פּרדסים
מיט בלענד פון דער זון זיך פאַרמעסטן...
די הייזער אליין, דיינע ווייסע
אין וועלדלעך, אין שלאנקע זיך נעסטן.

און איבער דיין גרינקייט די זאמדבערג —
צעבלענדיקט ווי גאָלדענע שנייען.
און ים רעדט אין זיי, ווי א טויטן,
אַן אויפהער אריין זיינע ווייען...

אין מזרח די בערג פון אפרים
זיך טוליען אין נעפל, אין גרויען
ביים אויפגאנג פון זילבערנע זונען
און ס׳דופטעט מיט פרישקייט פון טויען.

און ס׳שטרעקן די וועגן זיך, דיינע
די ווייטן, די בלויע דערלאנגען;
און באנען מיט פייף און מיט צישע,
זיי קומען צו פויזן ווי שלאנגען...

רמת-גן

רמת-גן, רמת-גן,
איז נאָך ערגעץ-וואו פאראַן
אזא ישוב,
פול מיט כישוף,
ווי עס איז רמת-גן?..

שטיי און שטוין איך אין באקאנטשאפט
מיט דיין בערגלדיקער לאנדשאפט —
אומרו-ערד פון ראנד צו ראנד, —
שענסטע טאָכטער-שטאָט אין לאנד!

דאָ א גאס און דאָ אַ גאָרטן,
דאָ צעאַקערט פעלד און דאָרטן —
ווידער גאסן אין צעוואָרף, —
ביזטו שטאָט צי ביזטו דאָרף?

נישט געדערפלט, נישט געשטעטלט...
ס'האָבן ביידע זיך פארקייטלט
האנט אין האנט, און פעלד מיט שטאָט
טאנצן דאָ א קאראהאָד!..

הייזער, ביימער, ווי מיט פליגל,
שפרינגען דאָ פון טאָל אויף היגל,
און פון היגל מיטאַמאָל
טאנצן זיי אראָפּ אין טאָל...

רמת-גן, רמת-גן,
איז נאָך ערגעץ-וואו פאראַן
אזא ישוב,
פול מיט כישוף,
ווי עס איז רמת-גן?..

נתניה

פון דעם ים ביז טראנסיאָרדאניע —
מיט דער האנט כאַטש נעם דערלאַנג...
דאָך פון צמח ביז נתניה
איז נישקאָשע פון א גאנג...

גיי איך איבער לאנד פון שטאמען
דיך צו זען אזוי זיך סתם
ווי מיט בוים און בלום צוזאמען
בליסטו פרילינגדיק ביים ים...

ווי א גינציק־יינגע ווירטן,
אַרנדיק אויף ליבע געסט,
גרייטסטו זיך תמיד צו׳ן א דריטן
אייביק־בליענדיקן פעסט...

זאָל דער גורל נאָר פארווישן
צייט פון ביטערניש און פיין,
וועסטו גרייטן פולע טישן —
מאנדלען, קיכעלעך מיט וויין...

אין דיין לוסט צו בוי און שאפן
צייכנסטו דערווייל געמארק:
דאָ ביים ברעג וועט זיין דער האפן,
און אדאָ וועט זיין דער פּארק,

און אדאָרט, מיט כּוואליעס — שוועסטער
וועסטו זיך פארמעסטן דרייסט...
און אין אָוונט דער אָרקעסטער
וועט פארוויגן דיך מיט טרייסט...

רחובות

ערשטע טעג פון מי ביי דיר —
טעג אין פרייד פון מי געכאַוועט.
הער איך אומעטום נאָך איצט
אין מאראנצנבליט „רעכאָוואָט”...

אָ ווי גרוים איענע שעה,
ווען אריבער זאמד און גרודעס,
גייענדיק צו דעם קטיף,
אין די בלויע בערג יהודה׳ס

ס׳האָט די זון אין פארבן-טויש
זיך געטאָן אזא צעפלאקער
און איך האָב צום ערשטן מאָל
דיך דערזען אין פעלד ביים אקער!

אין די נעכט — לבנה-נעכט,
אין מאראנצן-דופט פארציקערט,
ווייסן וויין פון זייער ליכט
ביז פארגעסנקייט געשיכורט...

און די האָראָס, דאָס געזאַנג
איז געווען פאר מיר א צייכן,
אז נישט ווייט איז שוין דער טאָג
אונדזער פרילינג צו דערגרייכן...

כאַטש דער יום־טוב פון אמאָל
איז געוואָרן אינדערוואַכן,
שפּאַן איך תמיד דאָך געטריי
אין דעם יאָך פון דיינע יאַכן.

און איך נייג אצינד מיין ליד
צו דיין גרינענדיקער לאנדשאפט,
זאָל עס זיין א צייכן פון
אונדזער פריידיקער באקאנטשאפט...

ערשטע טעג פון מי ביי דיר —
טעג אין פרייד פון מי געכאָוועט,
הער איך אומעטום נאָך איצט
אין מאראנצנבליט „רעכאָוואָט"...

1937

זכרון-יעקב

און זעסטו נעסטן אינדערהויך
צעווישן בערג דאָס אָדלער-דאָרף;
אין נעפּל, בלוילעכן ווי רויך,
צעווישן בערג דאָס אָדלער-דאָרף,

דערפרייסטו זיך, ווי גלייך דיין אויג
וואָלט איצט אנדעקט א קיניגרייך;
און צווינגט דיין טראָט זיך טאָן א נויג
אהין, צו יענעם קיניגרייך...

און דאָרטן שלענגלט זיך דער וועג
דעם בארג-ארויף פאר דיינע פיס.
א תהום דיך שרעקט. אין דיין געיעג
און לויפט דיר נאָך ביי דיינע פיס.

באלד קומסטו אין א וועלדל אָן,
איז שטייען שטיל דיביימער דאָ;
אין סודותדיקן תפילה טאָן,
עם שטייען שטיל די ביימער דאָ.

און ווייטער כוואליעט זיך דאָס דאָרף
ארויף — אראָפּ, ווי אויף א טייך;
מיט טרויבנגערטנער אין צעוואָרף,
ארויף — אראָפּ, ווי אויף א טייך...

אין מערב-זייט דער בלויער ים
צעזילבערט איז אקעגן זון;
אין גרינעם ברעג, ווי אין א ראם,
צעזילבערט איז אקעגן זון.

און מענטשן דאָ מיט פרייען בליק
דיר גריסן שמייכלענדיק „שאַלאָם!"
דו קערסט זיך אויף דיין וועג צוריק
און שעפּטשעסט אליין: „שאַלאָם, שאַלאָם!.."

ירושלים

דיינע ייִנגע, שטאָלצע גאַסן
שמייכלען שוין אויף טאָג, אויף נייעם...
וואונדיק ווי עס איז דיין אויפגיין,
ביזטו שיין, ירושלים!

וויפל קנאה ס׳האָט פאַרפּלאָנטערט
דיך אויף וועג... און וויפל בייזער...
שטייסטו בענקענדיק־פאַרחלומט
און דו וואַרסט אויף דיין דערלייזער.

און אַז קומען וועט דערלייזער
צו דיין פרומער שוועל צו שלייכן,
צו דיין מלכותדיקער שיינקייט
ווער וועט קאָנען דאַן זיך גלייכן?..

ער וועט איבער דיר צעשטרעקן
זיינע בענטשנדיקע אָרעמס
און וועט דיינע בערג באַקליידן
מיט פּאַלאַצן און מיט טורעמס.

און ער וועט דיין קאָפּ באַשיינען
מיט אַ גילדערנער עטרה.
אַי וועט דעמלט זיין אַ שמחה
אונטער הימלען, דיינע קלאָרע!..

תל-אביב

פון שטיין אויף שטיין וואַקסט־אויס א וואַנט
אויף זאַמדן, גאָלדיק־בלאַס...
און וואַנט נאָך וואַנט, און הויז נאָך הויז
וואַקסט־אויס א נייע גאַס.

באַטראַכסטו אַלין און וואונדערסט זיך:
מיין גאָט, וואָס איז געשען?..
ערשט נעכטן זאַמד, און וויסטעניש,
און דערנער דאָ געוועז.

און היינט — אַ בלומענגערטנדל
שוין בליט ביי יעדן הויז,
און קינדער אויפן גלאַנציקן
אַספאַלט אין שפּיל און ברויז.

און דו שפּאַנסט־אום גאַס־אויס, גאַס־איין, —
ווי שורות אין אַ בריוו, —
אזוי זיך בויט די פּרעכטיקע,
די שיינע תל־אביב...

חיפה

א

אז איך הער דיך פארציילן דעם אויפבלי
פון א דאָרף צו א שטאָט אינם לאַנד,
קלייב איך די ווערטער, ווי פערל,
און איך סילע זיי אויף אין לעגענדעס...
איך ווייס: אוואו מיין געזאַנג וועט נישט גרייכן,
וועלן אויגן צעשטראַלן מיט האָפנונג,
און הערצער — מיט פרייד זיך צעבליען...

דאָסמאָל פארציילט האסטו: חיפה.
און איך האָב זיך דערמאָנט:
א טאָג פון סופּזומער.
און איך,
קוים א יאָר זייט מיין קומען אהער פון ניו־יאָרק,
האָב געשוועבט אויף די הייכן פון כרמל
אין דערוואַרטונג אויף דער, וועמענס נאָכשפּראָץ איך בין.
זי — געאיילט מיט א שיף
צו זען זיך מיט מיר
פונם לאַנד בעסאַראַביע...

דאָ צווישן ווילעס, און גערטנער,
און נאָענט אזוי צו די וואָלקנס און זון, —
פון צפונזייט
קלעטערט די שטאָט בארג־ארויף
און מויער נאָך מויער
פארקלייבט זיך אהער אין דער הייך.

זיי בלייבן דאָ הענגען,
ווי נעסטן פון אָדלערס;
און אונטן, דעם כרמל צופיסנס,
ווימלט מיט שיפן אין האפן;
און רעכטס פונם האפן —
זיך וויקלט פונאנדער דער עמק־זבולון
מיט זיינע ישובים,
באגלייט פון די בערג פון גליל.
און פון הינטער די בערג פון גליל
שטארצט, ווי א זקן, געהילט אין א טלית,
דער חרמון...

פון דרומזייט:
דורך צווייגן פוןביימער, ווי דורך שפאקטיוון —
ערדן, צעטאנצטע, צעקאָכטע...
און אונטן, אויף אָפגרונטן טיפע
ציטערט, ווי גאָלד, ווי צעפלאָסנס, דער ים קעגן זון...

שפעטער, א מידער, בארוישטער,
אויף א באנק אין א גאָרטן, —
א ווינקעלע, שטיל און באזונדער, —
די רעשט פונם טאָג
און די נאכט
געקנוילט זיך אין פיבער
פון פריידיקן ווארטן...

ב

אז איך הער דיך פארציילן דעם אויפבלי
פון א דאָרף צי א שטאָט אינם לאנד,
קלייב איך די ווערטער, ווי פערל,
און איך סילע זיי אויף אין לעגענדעס...

דאָסמאָל פארציילט האסטו: חיפה.
און איך האָב מיך דערמאָנט:
קוים א יאָר פאָריבער זייט יענעם מעת־לעת,
און געשטאנען בין איך אין פארנאכט
זיך צו שיידן מיט דער, וועמענס נאָכשפראָץ איך בין,
אויפן זעלביקן אָרט, וואו געווארט אויף איר קומען...
און זי, אין רו, אין געלייטערטער,
פילנדיק נאָנט די מינוט פון צעשייד,
האָט, פול מיט באדייטונג, מיר אָפגעציילט ווערטער:
„מיין קינד, איך פאָר קריק אהיים,
און ווער ווייס צי מיינע אויגן וועלן דיך נאָך זען אמאָל...״

און מיר האָט געדאכט:
די צייט פון איר זיין דאָ
איז פאָריבער — א חלום...
און איך האָב געזאָגט מיט א טרער:
„אַ מאמע, זע:
אויפן זעלביקן אָרט
ערשט צריק מיט א יאָר געווארט אויף דיין קומען,
און דאָך...
דערקענסטו זייט דעמלט די שטאָט?..
אויב דיין קינד איז דיר ליב,

דערלויב אים די פרייד פון זיך מיען און היטן, געבורט
פון א לאנד...״

עס זענען נאָך פיל דאָ פארבייגעגאן מאמעס.
איינע איילט זיך אהיים,
באלאָדן מיט פרוכט־קאָרב;
א צווייטע גייט סתם זיך שפאצירן;
און איינע —
טיילט זיך אָפּ פון מיין וועזן
און וואנדערט אוועק
אלץ ווייטער און ווייטער,
און צוזאמען מיט זון
פארגייט דאָרט אין מערב...

חיפה

א

אין פרימאָרגנדיקער ווייט
דיך צו זען פון צפונזייט:
פון אַ מאָנסטער־וועלט ארוים
איז דער כרמל אַנגעלאָפן,
אויפגעכאַפּט דיך אויף זיין שוים
און ער טראָגט דיך אַלץ קיין צפון...

און דער ים, דער בלויער ים
דיר צופיסנס איז נישט סתם...
ס׳איז דער ים דאָרט אין זיין דרימל
אויכעט טיפער, בלויער הימל,
שוועבסטו־אום אינמיטן רוים
האַלבע וואָר און האַלבער טרוים...

נאָר אויף זונען־שטרעקעס ברייט,
דיינע יינגע טעכטער־שטעט
כוואָלן פון געוויקס דעם קלאַנג,
ביימערשן גערויש אויף וועגן,
און מיט זייער גרין געזאַנג
שטרעקן זיך צו דיר אַקעגן...

ב

אַנדערש טוסטו גאָר אַ טויש
אַל דיין פּראַכט אין פאַרבן-רויש,
ווען איך קלעטער אויפן קאַרק
פון דיין גרויען כרמל-באַרג :

דאָ, אין שטילקייט, אין געהיימער,
דורך די צווייגן פון די ביימער
גאַס נאָך גאַס אַראָפּ זיך טרעפן,
איינגעהילט אין בלויע קרעפן.

און באַנאַכט פונדאַנעט, חיפה,
ביזטו ענלעך צו'ן אַ שריפה.
טיף אין חושך איינגעגליט...
ביזט אַ בליץ-געשליפן ליד,
פייער-זילביקע די מאָסן ;
ביזט אַ לאַווע-טייך, צעגאָסן
און מיט גליענדיקן שטראָם
גיסטו זיך אריין אין תהום...

ים המלח

ים המלח, ים המלח,
ביזט אי אומעטיק, אי פריילעך...
צווישן בערג, און טאָל, און היגל
ליגסטו ווי א קינד אין וויגל...

ליגסטו ווי א קינד אין וויגל
און מיט הימל אין דיין שפיגל
וויגסטו זיך אין טרוים פון דרום
ביז עס קומט צו דיר א שטורעם.

קומט צו גיין צו דיר א שטורעם
און מיט חוצפהדיקן אָרעם,
פול מיט רייצעניש און ווימל
הייבט־אָן וועקן דיך פון דרימל..

הייבט־אָן וועקן דיך פון דרימל,
וואַכסטו־אויף מיט א געברימל,
און אין דעם פאַרלויף פון רגעס
וואַרפסט זיך שוין אין דיינע ברעגעס.

וואַרפסטו זיך אין דיינע ברעגעס,
זוכנדיק אוואו אַ וועג איז
דו זאָלסט קאָנען זיך אַ ריס טאָן,
און א שפּאַר טאָן, און אַ גיס טאָן.

זיך אַ שפּאַר טאָן, און אַ גיס טאָן,
און מיט פרייד־געשריי אַ פליס טאָן,
און אַריבער זאַמד און צאַמען
לויפן צו דיין רויטער מאַמען...

לויפן צו דיין רויטער מאַמען,
דאָרט צו זיין מיט איר צוזאַמען.
נאָר די בערג, די אַלטע וועכטער
מיט די זין און מיט די טעכטער,

יאָ, מיט אַלע זין און טעכטער,
קייכנדיקע פאַר געלעכטער,
אָרעם איינגעקנופּט אין אָרעם,
לאָזן קוועלן דיך פון שטורעם...

פאַרטאָג אין דאָרף

דאָס דאָרף שלאָפט שטיל ביים ברעג פון דער נאַכט.

הייזער, מיט דאַשקעס, אַראָפּגערוקט איבער די אויגן,
שטייען אַריינגעטאָן אין זיך אינדערוואַרטונג.

פּאַלמען, ווי שלאַנקע בעדואינערנס,
שטאַרן מיט צעשויבערטע קעפּ אינדערפינצטער.

און לבנה אויף דער ברוסט פונם ים
דערזינגט איר שוואַנען־ליד און פאַרגייט.

ערגעץ־וואו אינדערווייט
פירן הינט א וויכוח,
שפּרעכן־אוים דעם טאָג אויפן מזרח.
דאָס פאַרחושכטע פּנים פון טאָג
קרומט זיך אין פּיין פון דערוואַכונג,
און לייטערט זיך אוים...
ברעמען הייבן זיך אין דערלייכטערונג אויף,
באַקן גיסן זיך אָן מיט רויטקייט,
און א שמייכל באַווייזט זיך אויף ליפּן...

א פויגל אין א בוים
דערוואַכט פון שלאָף
און פאַרלאָזט דאָס פעלד פון שטילקייט...
באַלד א צווייטער... א דריטער...
און —ביימער ברעכן־אוים מיטאַמאָל און געזאַנג...

א וועכטער, מיד און פארלעכצט פון דער נאכט,
טראָגט אהיים די מזרח־שיין אויף זיין ביקס...
זיינע טריט הילכן־אָפּ אינדערווייט
און וועקן דאָס דאָרף
צו תפילה פון מי.

מיטנטאָג

די זון גיסט איר גאָלד אויף ביימער.
די ביימער האלטן־אונטער די הענט.
דאָס גאָלד רינט זיי פון צווישן די פינגער...

דער טאָג נייגט זיך צום פאַרגיין

דער טאָג נייגט זיך צום פאַרגיין.
דער זונפאַרגאַנג אַהינטערן וועלדל
צעשיינט זיך מיט פייערדיקע אויגן,
ווי זיי וואָלטן קוקן פון אַ געהיימניספולער וועלט אַרויס...
אַ גאָלדיק־בלייכער שטראַל פון הינטערן מערב
שלאָגט זיך דורך אַ וועג דורך אַלע פאַרבן
ביז אין מיטן הימל
און שטעלט זיך אָפּ איבער מיין קאָפּ...

יאָ, ס'האָט איצט דערגרייכט די שעה פון געזאַנג...

איך איַיל זיך אַהיים.
אין דער היים טובל איך מיין לייב
אין זיבן וואַסערן
און הייליק, און דערלייטערט,
ווי אַ כהן גדול,
טרעט איך אַריבער די שוועל פון מיין היכל...

אָוונט

די איינזאמע שטענגלעך צעווישן באַיארעס,
אין ווינטער צעגרינטע,
דאכטן מיר אוים אַט־די געגנט — א פּארק
וואו נאטור איז אין אייביקן יובל...
האָב איך ליב דאָ איעדן פארנאכט
ארויסצוגיין איינער אליין הינטער דאָרף
און זיך לאָזן שפּאצירן, מיטביימער געאָרעמט
צום ריטם פון זונאונטערגאנג,
און פלוצים דערזען ווי שאקאלן,
וואָס וויינען־אריין אין דער שקיעה,
צינדן די רויטקייט פון מערב;
און שטוינען צוזאמען מיט איינזאמע הייזלעך
אויף בארגיקע ראנדן
ווי רויטקייט פון מערב פארגייט זיך אין בענקענדיק־בלוי;
און היטן דערנאָכדעם ווי נאכט —
בעדואינערן,
קומט־ארוים קעגן מיר מיט לבנהקן קרוג אויפן קאָפּ;
ווי ס׳לעצטע געזאנג פון א פויגל
וועבט זיך אריין אין דער שטילקייט;
און ביימער שטייען באוועגלאָז,
גלייך זיי הערן זיך איינעט אין סוד פונם אָוונט...

דאָס ליכט פונם טאָג

דאָס ליכט פונם טאָג, וואָס פאַרגייט,
זאַמלט זיך איין אינם מערב,
און שטילע, פאַרחלומטע נאַכט
שוין ווידער די ערד איז מקרב.

נאָך טאָג פון מי ביי דער ערד
אין זוניקער, העלער צעגליטקייט
א שווים אין פאַרנאַכטיקן טייך
היילט דיינע גלידער פון מידקייט.

ווילסטו שוין בלייבן אין פעלד
צו זיין ביים פאַרגאַנג פונדערנאָוונט,
שטוינסטו צוזאַמען מיט בוים,
מיט באַרג, און מיט אַלץ, וואָס אין אָוונט.

פאַרשפּעטיקטע בין זוממ-פאַרביי,
און ס׳הייבן-אָן זינגען די גרילן.
א קעמל שטייט אונטער א פאַלם
און קוקט אויף דיר, קוקט ווי מיט ברילן...

שטייסטו אזוי און דו גאַפסט
ווי פאַרהאַנגען פינצטערניש פאַלן,
ביז וואַנעט סע יאָגט אויף דיר אָן
דאָס בלינדע געוויין פון שאַקאַלן.

דער נאָוועמבער־טאָג

דער נאָוועמבער־טאָג פאַרלירט זיך
אין ווייטן געדויש פונם ים.

האַרבסטיקע קילקייט.

טונקעלע וואָלקנס טויכן־אויף פון הינטערן וועלדל,
שאַרן זיך אַוועק קיין מזרח מיט צאַנקענדיקע לעמפּ.

אָפּגעבראָכן ליכט אויפן מערב.

פינצטערניש הילט אין איילעניש די בערג,
מעקט זיי אָפּ פאַרן בליק.

וואו איז דאָ פאַרגאַנגען די זון?

ווער רויבט עס דעם טאָג אזוי שנעל?

לבנה ראַנגלט זיך מיט די וואָלקנס.

וואָלקן נעמען זי געפאַנגען,
פאַרבלענדן איר ליכט.

אַ ווינט, אָפּגעוואָרט דעם דעמער,
טרייבט־אָן אַ רעדל זאַמד אויפן ראָג.
פאַרשטערט די קינדער זייער האַרבסטיקע שפּיל.
קינדער אַנטלויפן מיט שרעק
אין שוים צו די מאַמעס...

כוואַליעס אויפֿן ים שטייען־אויף מיט אומהיימלעכן גלאַנץ...

וואָלקנס שפּילן זיך מיט פֿייער־שלענג,
לאַכן מיט דונער־געלעכטער...

און די מעוועס אויף די כוואַליעס
וויגן זיך דעם שטורעם אנטקעגן
און וויינען נאָך לבֿנה־ליכט...

נאָך טעג, נאָך שווער־באַלאַדענע

נאָך טעג, נאָך שווער־באַלאַדענע מיט לאַנגוויל,
געפירט ווי קעמל־קאַראַוואַן דורך מדבר פון דער צייט,
כ׳האָב ווידער דאָ געפונען רו —
אין מי!

מיט ערשטן קריי פון האָן געפעדערט זיך פון שלאָף,
אין טוי געוואַשן מיינע אויגן,
כ׳פאַרלייג דעם פיאַש אויף אַקסל
און שפּאַן־אַוועק מיט גרינע פעלדער אין באַיאַרע.
אין מזרח שווילט א זונען־טייך דעם ראַנד פון בערג אריבער,
און גראָזן נייגן זיך צו מיינע פיס,
טרייסלען־אָפּ דעם טרערן־טוי פון נאַכט.

נאָך טעג, נאָך שווער־באַלאַדענע מיט לאַנגוויל,
געפירט ווי קעמל־קאַראַוואַן דורך מדבר פון דער צייט,
איך בייג מיך ווידער דאָ ארום די ביימער־שטאמען,
עפן־אויף די ערד, עס זאָלן וואָרצלען
קאָנען פרייער אָטעמען די לופט.

ביסלעכווייז צערירן זיך די אברים,
מוסקולן ווערן אָנגעשפּאַנט מיט קראַפט,
און האסטיקער, און טיפער ווערט דער אָטעם...

דערשטיקעוועט די לעצטע שעה פון מי,
איך קער זיך צריק מיט שטיל געזאַנג אהיים.
דאָרט וואַרט א קאַלטער דוש,
א וויים געלעגער,
און שעהען, לויטערע פון שטילקייט און פון רו...

מיר זענען היינט פאַרטאָג

מיר זענען היינט פאַרטאָג אַרויסגעגאַן אין מדבר,
באַוואָפנטע מיט רידלען — און געזאַנג
צו וועקן דאָס געשוואָלן לייב פון מאַמע־ערד,
דאָ דורותדיק פאַרעלנדט
און מייל נאָך מייל די שפּור געקליבן
פון קעמל־טריט אין זאַמד...

בערגלעך, אויפגעלאָפענע ווי ביילן,
האָבן אונדז אַנטקעגן
מיט דערנער זיך געשפּיזט...

און ווען מיר זענען שוין די ווילדערניש אַריבער
און אָנגעקומען צו דעם ברעג פון ים,
האָט אַלעמען באַהערשט איין ווילן, איין געדאַנק:
אַדאָ, אויף וויסטער בלענדיקייט פון זאַמדן,
וואו שלענג זיך נעסטן און סע יאָמערן שאַקאַלן,
זאָל לעבן אויפגיין פונדאַסניי און זיך צעבליען...
און ס'האָט אַ גלאַנציק־נייער כביש, ווי אַ יריעה,
גענומען זיך צעוויקלען
פון אונטער אונדזערע הענט...

די זון געשטאַנען איז אַ העלישע אין הימל
און מיט ווינטלעך, גליאיקע געשרפט אונדזער לייב.
אַ זעגל־שיפל אויפן האָריזאָנט
האָט קוים צו מערקן, זיך געגליטשט.

ווי ס'וואָלט די בלויע קילקייט
מיט ווייסן פליגל אונדז געווינקען...
און דאָ־און־דאָרט א באָקסער־בוים, געבויגן,
ווי וואנדלער איינזאַמער, געטריבענער פון שטורעם,
האָט צווייגן זיינע איבער אונדזערע קעפּ,
ווי הענט אין בענטשונג אויסגעשפּרייט,
ווען מיר באַטרונקענע,
זענען צוגעפאַלן רוען אין זיין שאָטן...

צו חדרה

אין ים, אין דיין גרינעם, חדרה,
איך פיל, ווי אין וואַסער אַ פיש,
ווען איך גיי אין פאַרטאָגן זיך מיען
אין פרדס, אין פעלד, צי ביים כביש...

צו שטילן די תאווה פון ערד —
איך וועל היינט אין מי זיך ניט שוינען.
זי וועט אין גערעטעניש־טאָג
מיט פולינקער האַנט מיך באַלוינען.

אַ דעמלט צעשמייכלט זיך מילד
דער גרויער פאַרטאָגיקער נעפל,
ווען יינגוואַרג זיך איילט מיט געזאַנג
צום שניט פון די גאָלדענע עפּל ...

ס׳איז אלץ נאָר צום באוואונדערן

דער יידישער פּיאָנערן

ס׳איז אלץ נאָר צום באוואונדערן אין דיר:
דיין העלדישקייט, דיין מוט, די פרייד אין דיר פון בוי.
דיין לוין דערפאר — א לעבל ברויט מיט קעז.
און האָסטו נישט מיט קעז, איז אויכעט גוט אזוי...

דו גיבסט דאָך אלצדינג אָפּ, וואָס דו פארמאָגסט:
דיין בלוט און מארך, דיין יוגנט און דיין בלי:
דאָך אָפּטמאָל צינדן נעכט א בענקשאפט אָן אין דיר
נאָך מוטערשאפט, נאָך שטילער היים און רו...

ס׳איז אָרעם נאָך דאָס לאנד, ס׳איז אלץ ביים אָנהייב נאָך,
דאָך פילסטו זיך דערוווילטע אין דיין יאָך.
און בליקסטו אויף די דערפער, יינג אין זייער פּראַכט,
און אויף די פעלדער און די גערטנער, וואָס דו ליבסט,
א זעלטן גליק און שטאָלץ אין דיר דערוואכט, —
דו גלויבסט אין פאָלק און שמייכלסט און פארגיבסט...

דו ביזט א דיכטער

דו ביזט א דיכטער.
נאָר ווייסן דו ווייסט:
צו זינגען „קאיאָר"
אין קאפע-הויז ביים טישל
איז ווייניק
קאיאָר צו דערזינגען...

דו ביזט א דיכטער.
נאָר טראָגן דו טראָגסט נישט
די האָר דיינע „ווילד"
און פארויסן דעם קאָפּ,
ווי איינער, וואָס וואָלט
אויף די פליגל פון ליד
שוין געברענגט די גאולה...

נאָר איבער ראנד-גאסן, שטאָטישע,
קאָן מען טרעפן דיך
נאָך אלץ אין קאלך-קליידער
מיט וואסערוואָג, האמער, און קעלנע,
גייענדיק פארנאכטלעך אהיים
נאָך א טאָג, נאָך א שווערן
פון מי ביי א בנין.

אַ דאַך

ווי דער טאָג הייבט־אָן זיך וועקן
מיטן ערשטן זונען־שטראַל,
הייבט־אָן די מאַשין צו דעקן
מיט גערויש און מיט געקנאַל.

גלייך וואָלט אָנגעזאָגט איעדן:
„טוק־טוק, טוק־טוק, פּיך און פּאַך!
ווייסן זייט, ביי דער געביידע
וועט מען גיסן היינט א דאַך!"

און די אַרבעטער, זיי שטייען
גרייט מיט רידלען אין די הענט.
אין באַגין פון טאָג, פון נייען
האָבן זיי זיך דאָ דערקענט:

ברוך ששון פון מצרים,
מענדל קאַנט פון בוקאַרעסט,
און פון וואַרשע — קוואַרטין חיים,
און רפאל פון טריעסט...

אַלע זיי — דעם רוף פאַרנומען
פון דערוואַכנדיקן לאַנד,
זענען זיי אַהער געקומען
צולייגן צום בוי אַ האַנט...

חייבט די ארבעט אָן צו זידן,
גלייך סע וואָלט די ערד געברענט,
איז קבלן * דאָך נישט צופרידן,
שרייט און פאָכעט מיט די הענט:

„הער נאַר, קאַנט, מיין גרויסער טרוימער,
שנעלער גיב זיך דאָרט אַ קראַץ.
ברענג אַהער א טאַטשקע חומר,
זאמד, און זיפזיף, און חצץ!

נ׳דו, מיין ליבינקער רעפּאָעל!
די יאַפּאַנקע ** — אויפן שטעל!
וויל מען בויען ערציסראָעל,
גיט מען, ברידערקע, די פעל!..״

און אזוי פאַרלויפן שעהען
אין געפלייסטער מי און ברויז. —
מיטן אָונט־טראָט, דעם בלויען
אויסגעוואָקסן שטייט א הויז...

* בוי־אונטערנעמער.

** טאטשקע, ענלעך צו׳ן א קינדער־וועגעלע.

א ברונעם

א

פון דער ווייסל
און דעם דניעסטער,
די רייך־קוואַליקע,
געקומען בער און בונעם
אויף מדבר־זאַמדן שטראַליקע
בויערן א ברונעם.

ליגן גרודעם ערד,
זיך זשמורענדיק אַנטקעגן זון,
דערמאַנט ווען זיי אַליין
זענען זון געווען...

מאכט בער, זיך ווישנדיק דעם שוויים:
— אוי, ברידערל, איז היים!
דאָס וואַסער אינם לאָגל
דערשעפּט איז ביזן דעק,
און אין אונדזער ברונעם —
נישט צו זען קיין לעק...

פינטלט מיט די אויגן בונעם
און מבינ׳יש
טאַפּט איעדער שיכט:
— אַ ליאדע שעה, און וואַסער
מוז קומען אומגעריכט...

און אין אָוונט בער און בונעם,
ווי די האָזן,
זיך געלאָזן
זאַמלען טויען אין די גראָזן.
נאָר די גראָזן אין דעליריום,
אין דעם מדבר־לאַנד געפונען,
קוים באַרירט — און זיי, — אַנטרונען!..

ב

ליגט בונעם באַנאַכט אין זיין צעלט.
אים דאַכט, אַז ס׳איז אונטער־
געגאַנגען זיין וועלט.
אין האַרצן ביי אים
זיך פאַרגנבענען שרעקן:
„ווער ווייס ס׳אַרא טיף
מען וועט דאַרפן אַנטפּלעקן...
ביז דאָס וואַסער וועט האָבן
די רגע דערוואַרט —
ווי לאַנג נאָך וועט בלייבן
די האָפנונג גענאַרט?..״

נאָר דאָ וויכערט בערל
אריין אין געצעלט
פון וואָרט צו׳ן א וואָרט
אים דער אָטעם פאַרפעלט:
— נאַכט אין דער מידבר —
שטיל, ווי געוועז...

נאָר ווען כ'האָב דעם ערשטן...
דעם טראָפּן דערזען,
ווינקט ער: „עס קומט באַלד
דער צווייטער צו גיין..."
געקומען דער צווייטער,
הייבן אָן קוועלן
מיליאָנען באַגלייטער...

ווישט זיך בונעם
פון פּנים
די רעשט פון זיין דרימל,
לויפט ארוים אונטער
צעשטערנטן הימל,
זעט ער: נאַכט אין דער מדבר —
שטיל, ווי געווען.
נאָר אין ברונעם: — „נו יאָ,
ס'איז עפּעס געשען..."

בייגט זיך איבער טיפקייט בונעם
און זיין לעכצנדיקער גאָרגל
אינם ברונעם
זיך צעשפּילט — אַן אָרגל,
און ער רופט צום דנאָ:
— „וואסער, וואסער, ביזט שוין דאָ?.."
הערט ער ווי אַ צווייטער בונעם
אין דער טיף צעלאַכט זיך: „יאָ,
אין אַ גוטער שעה!"

א פינטעלע

צוערשט אַן אוהל, אַ צריף.
איך בייג זיך איבער דער ערד,
הער זיך איין
צי ס׳שלאָגט אַן אַדער אין איר טיף.
דערנאָך שפּאַן איך אין אַקער די פערד,
צעקעמען די ווילדערניש גאָרע
און מיטן ערשטן שפּראָץ פון אַ גרעזל
שטייען הייזלעך שוין ארומען וואַסערטורעם
גרייט צו גיין אַ האָראַ...

אויף דער פולער וואָך,ביים סוף פון זיבן טעג,
איך צייל מיין פאַרמעג.
איך פיר מיט אויסגעהאָרעוועטער לאַפּע
איבער דער מאַפּע.
און ווי דערקוויקט פון א דופטיק ווינטעלע,
צווישן פּינטעלעך — ישובים
צוגעקומען זע איך נאָך אַ פּינטעלע...

עמק־יזרעאל

א

בלויער טרוים אין גרינער וואָר,
זאפטיק אויפגעגאנגען, —
ביזטו איצט א גרינער טייך
אין די בערג געפאנגען...

איבער דיינע כוואַליקעס,
זאפטיק־גרינע טיפן
גייען שטאָלץ און בשורהדיק,
גייען דערפער — שיפן,

אָנגעלאָדענע מיט ברויט,
און מיט שאָף און רינדער
און מיט אונדזער גרויסער פרייד —
יינגער דור און קינדער...

ב

הינטער זיך פארברענט די בריקן
צו די פרעמדע וועלטן,
זענען מיר אהער געקומען,
אויפגעשטעלט געצעלטן.

און פארלייגט דעם פּיאַש אויף אקסל
און אין אלע עקן
זיך געלאָזט מיט פעסטן טראָט
און גענומען וועקן:

עמק, עמק, וואך שוין אויף
פון דיין לאנגן דרימל,
סע שאריעט שוין אויף טאָג
מזרחדיקער הימל!

זע, מיר זענען אלץ די זעלבע,
ווי אמאָל אין שלום...
און די יאָרן פון צעשייד —
בלויז געווען א חלום...

האָט דער עמק באלד דערפילט
צארטע האנט, וואָס קעכלט,
און דערוואכט, און אונדז דערקענט,
און זיך ברייט צעשמייכלט...

ג

פירט מען אקער איבער לאנען,
ווערט דאָס גראָז זיך דאָ צעשפּאנען;

שפּאנט דאָס גראָז מיט טריט, מיט ראשע,
ווערט די סטאדע האָבן פּאשע...

טרייבט אויף פּאשע בייטש-געהילעך,
לויפט אין קריגלעך אָן די מילעך;

לויפט די מילעך אָן אין קריגלעך
שמייכלען קינדער אין די וויגלעך;

שמייכלען קינדער, וואקסן פרייער,
שטייט דאָ אויף א דור, א נייער,

נייער דור, וואָס ווערט די נעמען
פון די טאטעס ניט פארשעמען...

ים, ים, ים

וואָס טוען שבת אינדערפרי
זעקס ייִנגען דאָ ביים ים?
— אונדז אַלעמען האָט היינט באַנאַכט
געחלומט זיך דער ים...
איז זענען מיר נאָך אַ באַשייד
געקומען דאָ צום ים...

אויף יענער זייט פון ירקון־טייך,
וואָס פליסט אַריין אין ים,
דערוואַכט שוין פעלד, און בוים, און גראָז
צום אויפזינג פונם ים,
ווייל זון גייט־אויף צו לייכטן שוין
אויף ערד און איבער ים...

און מיר דערהערן אַ באַפעל,
וואָס קומט צו'ן אונדז פון ים: —
שפּאַנט־אָן די זעגלען אויפן מאַסט
פון שיפעלע ביים ים,
און לאָזט צוזאַמען זיך אַצינד
אַן אַקער טאָן דעם ים...

און טוען רודערס זיך אַ שנייד
אין בלויער פלאַך פון ים,
אַנטלויפט דער ברעג, אַנטלויפט די שטאָט
און אונטער אונדז דער ים...
און איידער קוקסט זיך נאָך אַרום
איז אַלץ אַרום — בלויז ים...

ווי שטיל איז דאָ און וואונדערלעך
פארטאָג אינמיטן ים!
א ווינט יאָגט־אָן מיט ליכט און זון
אויף אונדז און איבער ים...
און ס׳נעמט אונדז אלע אָן א פרייד
צו ווארפן זיך אין ים...

און סתם אזוי צו טאָן א שטיף
מיט אומרו פונם ים;
און סתם אזוי זיך טאָן א וויג
אויף אָפגרונט פונם ים;
ווי אויף א מוטערלעכן שוים,
אויף אָפגרונט פונם ים...

אויפגעבליט האָט היינט דער מאָרגן

אויפגעבליט האָט היינט דער מאָרגן,
פריי פון ארבעט און פון זאָרגן,
פרעג איך קיינעם נישט קיין עצות,
נעם דאָס פעקל אויף די פלייצעס
און מיט ערשטער זונענשיין
לאָז איך מיך אין וועג אריין.

גיי איך מיר ארום אויף וועגן,
לויפט אַן אויטאָ אַן אקעגן:
— היי שאָפער, צי ביזטו וויליק
איך זאָל פאָרן? נישט קיין חילוק
וואו עס פירט אצינד דער וועג.
אבי יאָגן אין געיעג!

לויפט דער אויטאָ ווילד און ווילדער,
לויפן־אַן אקעגן בילדער
דורך די פענצטערלעך, געמאָלן
בלויע בערג און גרינע טאָלן,
אָפט א גאָלדיק־ווייס צעגליט
מדבר־אינדזל אינדערמיט...

דאָ־און־דאָרט, אין גרינס פארטרונקען,
ארבעטער אין מי פארזונקען.
ווייסע הייזלעך אויף א הויגל,
ווי די טויבן... און די פליגל,
דאכט זיך, גרייט צו טאָן א שפרייט
און אוועקפליען אין ווייט...

שפאַנט אַ קאַראַוואַן פֿון קעמלען,
דאַכט זיך, גייענדיק זיי דרעמלען.
און אַ חורבה פֿון פּאַרצייטנס
שטייט און גענעצט... און פֿונווייטנס
וואו דו טוסט דײַן בליק אַ וואָרף,
שווימט־אַרויס אַ דאָרף נאָך דאָרף...

חפצי־בה

ערשט פאַריאָרן, ערשט ניט לאַנג
האָט דער שאקאַל דאָ אין װיסטע
פראַנק־און־פריי אַרומשפּאַצירט
און געטרוימט דאָ טרוימען, זיסטע...

און אַרום, אויף מײַלן װײַט —
נישט קיין מענטש און נישט קיין בוימער.
ס׳האָט געדאַכט זיך, מען דערקענט
נאָך די טריט דאָ פון די רוימער...

איצט — אַ שטעטל, אַ קאַפּע,
אויטאָס, קינדער אויף דער פּלאַזשע...
שטייסט און רײַבסט די אויגן זיך
צי דו זעסט נישט קיין מיראַזשן?..

דאָך נישט איינמאָל, קלערסטו דיר,
װי עס טרעפט מיט דיר דער כּישוף:
לייגסט זיך שלאָפן אין אַ װיסט
און שטייסט־אויף — אַ ישוב...

פארוואונדעטער ניגון

ישמעאל

(פּאָעמע)

איך האָב געלאָזט זיך מיט א שיף
אויף שטורעמדיקע ימען
ביז אין א גוטער שעה דערגרייכט
דאָס לאנד פון מיינע שטאַמען...

ווי יום-טובדיק און שיין עס איז
מיין לאנד, דאָס זוניק-הייסע
מיט זיינע ווייסע וואונדער-שטעט
און זיינע דערפער ווייסע!..

די גלאט פון וועגן גלעט דאָס אויג
און די מאראנצן-גערטנער
דערוועקן פרייד — די פריידיקסטע,
וואָס איז דעם מענטש באשערט נאָר...

און דאך... איך קוק מיך דאָ ארום
און זע: זייט לאנגע יאָרן
געלעבט האָט דאָ ישמעאל און —
אַנטשלאָפן דאָ געוואָרן...

ער שלאָפט אויף בארג און טאָל. זיין לייב
איז ברוין און שלאנק די גלידער,
און סאָנעוועט* אין מיר, ווי גלייך
ער וואָלט געווען מיין ברודער...

* סאָנעוועט אין עמיצן: — ענלעך זיין צו עמיצן

זיין צעלט, דאָס לאַנד פאַרמדבּרט איז,
די יאַשטשערקע דאָרט שאָרכעט,
און ער אין לאַנגן ריזן־שלאָף,
ער ליגט אַליין און ער שנאָרכעט...

האָב איך דאָ איינמאָל נאָך אַ טאָג
פון מי, וואָס זיס און שווער איז,
גענומען מיין גיטאַר און בין
אַרויס צום ים כּנרת.

אַן אָטעמצוג פון ווינט דערפרישט
מיין לייב נאָך טאָג, נאָך הייסן.
און עמיצער אויף מזרח־ראַנד
צעצינדט אַ בראַנד. אַ ווייסן.

דאָס שיקט די זון דער טונקלער ערד
אַ זילבערנע מתּנה —
אַ וואָלקן אין די בערג דאָרט גייט
צו קינד מיט דער לבֿנה...

און איך שפּיל־אויף אויף מיין גיטאַר.
עס הערן בוים און בלימל. —
ישמעאל אונטער מיין געזאַנג
נעמט וועקן זיך פון דרימל...

ער רייבט די אויגן זיך אין שרעק:
„ווער ביזטו? ס׳אַרא שטראָף דאָ
האָט אָנגעשיקט אויף מיר אַללאַ?..
וואָס שטערסטו מיר דעם שלאָף דאָ?"

און ס׳טוט זיין מדברדיקער בליק
מיט דראָעניש א פינקל:
„צי קאָנסטו נישט געפינען דיר
אַן אנדער ערד, אַ ווינקל?..״

און ס׳ענטפערט רואיק מיין גיטאַר:
„פון אלע ווייטע רוימען
געטראָגן האָט עס מיך אהער
צום לאנד פון מיינע טרוימען...

אָ זע נאָר וויפל פעלדער דאָ,
און טאָלן, בערג סע וויסטן!
צי שיינט דאָ נישט אומזיסט די זון
אין לויף פון טעג, אומזיסטן?״

דערוויל פארגייט די שטילע נאכט,
דער חושך ווערט צערינען.
און איך שפיל־אויף אויף מיין גיטאַר
די טריט פון דעם באגינען.

חדרה, 1937

ווי לאַנג דור נאָך דור

ווי לאַנג דור נאָך דור
ס׳האָט געדרעמלט פאַרשטאַנד
ביז ער האָט זיך דערטרוימט
צו דעם טרוים פון א לאַנד!

און אַצינד אַז דערגרייכט
שוין דאָס פעלד פון באַגער,
נישט צו זייען קיין בייז
קומען מיר דאָ אַהער...

יעדן איינעם אַדאָ,
גלייך אַן אייגענעם פריינט,
זענען שטענדיק מיר גרייט
אויסצושטרעקן די האַנט

און פאַרטרויען אים פון
אונדזער מי דעם באַשייד.
— זע ווי לויטער דער גאַנג
צו די קוואַלן פון פרייד...

אויב בשותפות די היים
און ווי אונטער איין דאַך —
אַלץ וואָס ערד אונדז באַשערט,
לאָמיר טיילן אויף גלייך.

סיי אין בוי, סיי אין קאַמף
לאָמיר גיין האַנט אין האַנט,
און דעם גורל פון לאַנד
לאָמיר שמידן באַנאַנד...

איינזאַם און עלנט

איינזאַם און עלנט
שטייט מיין הויז אין פעלד,
אין קלעם פון רויב און מאָרד!
באַנאַכט
טוליעט מיך די מדבר, אַ פאַרליבטע,
מיט ביינערדיקע הענט;
שדים, ווינטיקע,
פּראָוועוּן מיר מסיבות;
און שאַקאַלן
לאָקערן מיין שלאָף.

און ווער וועט בויען

און ווער
וועט בויען איצט דאָס לאנד,
פארקלעמט אין צער, אין שטומען,
אויב
מ׳האָט דעם האמער אונדז אין שוואונג
פון האנט ארויסגענומען?

און ווער
וועט אויפריכטן דאָס לאנד,
דאָס קראנקע פון די זומפן,
אויב
מ׳האָט דאָ אונדזער יינגן טראָט
אין פענטעס איינגעשרומפן?

און ווער
וועט אויפשליסן ביי ערד
פון טיפקייט אירע קוואלן,
אויב
אונדזער אויפקום-ליד פארשרייט
געשריי פון די שאקאלן?

און ווער
וועט זיין אַ טורעם-ליכט
פאר בלאָנדזשענדיקע שיפן,
אויב
אונדז האָט ביינערדיקע האנט
פון מדבר אָנגעריפן?

און ווער

וועט טרייסטן אונדזער פּיין

און אונדזער טרוים, צעווייטיקט,

אויב

אויך אין אונדזער ווייגל-לאַנד

גענאַרט מען אונדז „פּאַרשפּעטיקט״?

חדרה, 1938

איר, איינזאַמע בערג׳

(פאָלקס־מאָטיוו)

איר, איינזאַמע בערג פון יהודה,
וואָס דרעמלט אין נעפּל פאַרבענקט,
דעם גלאַנץ פון מיין רומפולער ייגנט,
אָ זאָגט מיר, צי איר נאָך געדענקט!

געדענקט איר די שלאַכט ביי יריחו,
פון גולית דעם נאַרישן שפּאָט,
די פרילינג־געזאַנגען פון שלמה,
און ירמיה׳ס אַבלשן טראָט...

אָ וויפל געשעעניש בונטע
פאַרלאָפן ביי אייך דאָ אין רוים,
און איר שטייט פאַרגליווערט אין שוויַיגן,
פאַרכישופט אין אייביקן טרוים...

וואַכט־אויף, אָ איר בערג פון יהודה,
און טוט זיך אַ שוידער פון אָרט,
און טרייסלט פון זיך אָפּ דעם כישוף,
אַ שלאָג טאָן פון אייך זאָל מיט וואָרט!

אַנטפּלעקט, אָ אַנטפּלעקט פאַר מיין בענקשאַפט
דער אייביקייט׳ס ליכטיקן סוד:
נישט וויַיט איז דער טאָג פון דיין אויסלייז,
שוין הערט זיך פון נאָענט זיין טראָט...

און אויפריכטן וועסטו דיין הויז דאָ,
דערלייזט פון דערנידער און צוואַנג,
און ווי האָסט געאַקערט מיט טרערן,
שניידן וועסטו מיט געזאַנג.

דער פאַרוואָגלטער פרינץ

(פאָלקס־מאָטיוו)

ביים ים, אויף א פעלדזיקן אָרעם
אויף אים וואַרט א מירמלענער טורעם.
אין טורעם — א יינגע פרינצעסן,
זי קאָן אין איר פרינץ נישט פארגעסן...
און יאָר נאָך א יאָר אין אליינקייט
זי היט צוליב אים בלויז איר שיינקייט.
און איבער זיין בילד אָפט געבויגן,
זי וויינט זיך דאָרט אויס אירע אויגן...
דאָרט זענען געפלאנצט די אלייען
פאר אים בלויז, זיין בליק צו דערפרייען.
נאָר ס'ווילן נישט בליען איריסן
ביזוואנעט ער וועט זיי נישט גריסן,
און פ'האָבן געשוואוירן צו שטומען
די פייגל ביז ער וועט נישט קומען...
און ער דאָ, צעוואונדיקט, דערשלאָגן,
זיך וואלגערט ארום אויף די ראָגן
און דאנקט מיט א פרעמדלעכן לשון
ווען עמיץ ווארפט צו אים א גראָשן.
דערנאָך גייט פארטרינקען, פארשפילן
די גראָשנס אין טונקלע אזילן.
און אַלץ ווייל אין לויף פון מעת־לעתן
דעם וועג צו דעם טורעם פארגעסן...

אליהו און אחאב
(בילד)

פארגעסן האָט אָן גאָט דאָס פאָלק
און האָט פאריאָגט זיין לעצטן לערנער.
די שטראָף פון גאָט — עס שמאכט דאָס פעלד
אין טרוקעניש, באדעקט מיט דערנער...

און ס׳קומט דער נביא און ער רופט
דעם קיניג און דאָס פאָלק צום גלויבן,
פארזאמלט זיי ביים פוס פון בארג,
וויל זיי דורך נס צו גאָט דערהויבן.

און גאָט דורך אים אנטפלעקט פאר זיי
ווי בלינד זיי זענען און פארדאָרבן,
פארצערנדיק מיט הימל-פלאם
נישט זייער, נאָר דעם נביא׳ס קרבן...

און אחאב און דאָס פאָלק, דערשטוינט,
שווין צו דער ערד די קעפ זיי נייגן...
און ס׳טרוימט דער נביא, אז ער הערט
א וויטלעכן גערויש פון רעגן...

ער שטייגט-ארויף דעם זוים פון בארג
און פאָרשט די ווייט מיט אויג און אויער,
און זעצט אנידער זיך אויף ערד
מיט קאָפ צעווישן קני אין טרויער,

און זיבן מאָל ער שיקט זיין יינג
צום ים-ברעג זען צי קומט דער שטורעם.
ביז ס׳ברענגט דער יינג: „ער אויפגיין זעט
א וואָלקן, ווי א פויסט, אין דרום”...

און ווען עס קומט דער רעגן אָן,
דער נביא גארטלט-אום די לענדן,
לויפט נאָך דערצו פאר אחאב׳ס שפאן
און ווערט מיט אים אין ווייט פארשוואונדן...

מיין ליד

ניט פון קיין בלומען און ניט פון קיין שטערן
וועסטו פון מיין האַרפּע־שפּיל טרייסט־לידער הערן.
איך קאָן נאָר אַ ליד, פול מיט צער און געוויין,
דאָס ביזט עס, מיין ליידנדיק פאָלק, דו אליין!

פון קינדוויים אָן קלינגט מיר דיין קול אויף דיין גאס
פון די נידריקע הייזלעך, וואו נויט גיסט איר כעס.
ווי שלאַנגען־גיפט טוסטו דאָס האַרץ מיינס באַצווינגען,
און דיך וועל איך קיינמאָל נישט אויפהערן זינגען!

א זון אין פאַרגאַנג

ס'האָט א זון אין פארגאנג מיך געפאנגען.
און איך, אין מיין איינזאמען וואנדער,
נישט קאָנענדיק שטילן דעם דאָרשט פון מיין בליק
מיט איר שיינקייט,
געשטיגן בין איך אויף א בארג...
און ערשט, אז די הייך פונם בארג
איז געלעגן שוין אונטער מיין טראָט,
איז פארגאנגען די זון...

די זון איז פארגאנגען.
און שטיל, מיט געבויגענעם קאָפּ
אויפן שפּיץ פונם בארג
געבליבן אליין בין איך שטארצן
אין פינצטערן רוים...

א בעטלער

איך שטיי ביים ים און זוך אין ווייט
מיט הונגעריקע אויגן,
דערזע איך ווי א וואָלקן טראָגט
פון ים א רעגנבויגן.

דערפריי איך זיך: דאָרט האָט מיין טרוים
דערזען זיך ווי אין שפיגל...
וואקסט־אויס א בעטלער קעגן מיר
און האקט מיר אָפּ די פליגל:

— „זיי מוחל מיר, בן־אדמל,
פאר שטערן די געדאנקען.
אָ איך בין אָפּדאכלאָז און מיד,
אָ העלף א מענטש, א קראנקן!"

נעם איך, א ווייט־פארטראָגענער,
און גיב אים גלייך א פעניג.
טוט ער צוריק א וואָרף מיין גאָב
און זאָגט מיר: „דאָס איז ווייניק!"

בעט איך ביי אים אנטשולדיקונג
און שווער אים ביי מיין לעבן:
— איך בין אליין אן אָרימאַן
און קאָן דאָס אויך נישט געבן!..

גייט ער מיט שווייגעניש אוועק,
פארזשמורענדיק די אויגן.
און ווי איך ווענד מיין בליק צום ים —
נישטאָ דער רעגנבויגן!..

קלער איך: וואָס האָט ער דאָ געמיינט
דער בעטלער, אָט־דער שלעכטער?
איך קוק זיך אום — ער שטייט אין ווייט
און שמעלצט זיך פאר געלעכטער...

איעדן פּרי

איעדן פּרי, ווען זון דערגרייכט
די מזרחדיקע שוועלן, —
ווער ס'שטייט דאָ אויף מיט בליק געווענדט
צום טאָג, דעם זוניק־העלן;

און ווער דאָ ביי זיין ארבעט זיצט,
דעם מידן קאָפּ געבויגן,
און הייבט צומאָל דעם גאנצן טאָג
צו זון נישט אויף די אויגן...

און איך, ביים שרייבטיש וואכנדיק, —
מיין גליק האָב איך פארשלאָפן...
און זוי אן אומגליק, ווי א גרויל —
נאָר מיך, נאָר מיך געטראָפן!

אַרבעטסלאָזע

מײַן ברודער גדליה לעדערמאַן

זיי בלאָנקען זיך ארום פון טאָג צו טאָג,
איבריקע, פון לאסטן, פעלדזיקע געבויגן.
זיי בלייבן אָפּט ביי די וויטרינעס שטיין
און קוקן מיט די ציין און עסן מיט די אויגן...

פּאַרנאַכט דערשלעפּט מען זיך אהיים. אויף איינעם וואַרט
א פרוי מיט זויגלינג ביי די בריסט,
קינדער, זיך פאַרשפּילט מיט זייער שאָטן...
די מוטער זיפצט: „צי וואַרט איך נישט אומזיסט?..״

א צווייטן היט דער עלנט אין א ווינקל.
דאָס קריגל וואַסער אויפן טיש, דאָס הינקענדיקע בעטל,
צעווישן גרויע ווענט, אַוואו ער צאַנקט,
ווי אויפן בוים אין האַרבסט א בלעטל.

א דריטן איז די גאַס א היים.
ער זופּט דעם חושך — ביטערלעכע טראָפּנס,
און די לבנה פרירט די ביינער אים,
א שלאָפנדיקן אויפן באַנק מיט פויסט צוקאָפּנס.

אַ קינד׳ס געוויין

ס׳האָבן שכנים געקריגט זיך אין אָוונט,
געשימפּט און געשריגן אינײַנעם,
און איינער געמאָנט אַלץ ביים צווייטן,
וואָס קאָן נישט געהערן צו קיינעם...

דאָס קינד, אין דעם אוראַלטן פּרידן,
וואָס זוניקט דעם שמייכל פון קינדער,
געשטאַנען פאַרשטערט איז אין ווינקל
און געשטוינט אויף דעם נייעם בייזוואונדער...

און באַלד אין געוויין זיך פאַרגאַנגען,
וואָס האָט אין פאַרנאַכטיקער גאַרונג
דערמאָנט אָן געוויין פון אַ נביא,
באַלאָדן מיט שווערער דערפאַרונג...

א ייִנגעלע

אין פלאָנטער פון וועגן,
ביים לבנהקן אויפגאנג —
א קינד מיט א בלומען־בוקעט
וויינט־אריין אין די בלומען...

נעם איך ביים קינד
דעם בוקעט פון די הענטלעך:

— „אויב בלומען, דו קליינער,"
וויש איך אָפּ זיינע טרערן:
„איז עס זיכער פאר מיר..."

און כדי אים פארשפּילן
זאָג איך אים צו די לבנה פון טייכל...

נאָר שפּעט אינם אָוונט,
ווען איך האב געפייערט
די בלומען אן אָדע,
האָט א פלאטערל דערהערט
ווי אין זייערע פאלדן
זיך נעסט דאָס געוויין פונם קינד...

דאָס ליד אונטער האנט טוט א צאפּל

דאָס ליד אונטער האנט טוט א צאפּל,
צעקלאָגט זיך פון גראָם צו׳ן א גראם,
ווען ס׳נידערט־אראָפּ צו דעם שטאפּל
פון אונטערגאנג זיינעם דער שטאם.

צו געניסן די זיסקייט פון יאָדערן —
נישט באשערט דיר צעברעכן די נוס.
דער זונפארגאנג אין דיינע אָדערן
האלט דיך אצינד אין רשות.

אין קאָן מיט דיין קאָפּ, דעם אליינעקן,
שפּילסטו, א לעצטע, די קאָרט.
און גרייט ביזטו יענעם פארשטייניקן,
וואָס ברענגט דיר פון רעטונג א וואָרט...

א פאַרמאַטערטער, מידער

א פאַרמאַטערטער, מידער,
אויף דער הייך פונם באַרג,
פאַרשלעפּערט מיך ווידער
אַן אָונטיק ווינטל...
די חרובע שטאָט אין דער נידער
שרומפּט-איין אין א פּינטל...

נאָר שליס איך די אויגן —
ערשט די חורבע שטאָט, איך דערשפּיר,
צעוואַקסט זיך מיט רעש אַרום מיר.
און אָט שפּרודלען מיט מענטשן די גאַסן.
זיי האַנדלען, לויפן תּפילה טאָן, שפּאַסן...
דיזעלבע תּאוות, מעשׂים, געבעטן,
ווי פון די, איבער וועמענס קבֿרים זיי טרעטן...
נאָר דער, וואָס באַהערשט דעם אַטאָם, דער סערזשאַנט...
אָט פיל איך א שטויס פון זיין האַנט,
און אין א פינצטערן תּהום
די שטאָט שלאָגט-אַרויס פון מיין טרוים...

צום ארבעטער

דו האלטסט דעם גורל פון דער ערד
אויף דער וואָגשאָל.

אין דיינע אָדערן רינט זון.

און ווייסטו,
ווינען וועלטן מיט דיר;
און טוסטו א שמייכל,
ווערט פרילינג אויף דער ערד.

שקיעה

ס׳איז טרויבנצייט אצינד

ס׳איז טרויבנצייט אצינד.

איך פארלאָז מיין היים ביים סוף פונם טאָג
און גיי מיר אוועק אין די בערג,
וואו ס׳טוליען זיך די געצעלטן פון די שניטער.

גייענדיק אויפן וועג,
זינגען מיינע ליפּן אן אָפּשייד־געזאנג.

דיביימער אין זונפארגאנג
שאָקלען־צו מיט די קעפּ...

די בערג, אנטהילט פונם נעפּל,
אייביקן אין דער לערקייט פון רוים.

דאָ־און־דאָרט כאָוועןזיי אויף זייערע אָרעמס א דערפל.

אין מערב־זייט שטרעקט דער קניענדיקער טאָג זיין
זונען־קאָפּ
אריבער דער טונקעלער שארף פונם ים.

א בליץ —
און דער קאָפּ פאַלט ארונטער אין אָפּגרונט...

וועלדלעך, ווי מחנות וואנדערער,
קומען־אָן אנטקעגן — — —
— — — — — — — — — — — — — —

נאכט אין די בערג.
די פולע לבנה איבער מיר.

מיין גאָט,
ווי האָט געקאָנט זיין אזא שיינקייט אָן מיר,
איך זאָל זי נישט זען!..

איך היפער־ארום מיט צעוואונדיקטע פיס איבער פעלדזן
אין באוואונדער פון דער נאכט.

ס׳איז קיינער נישטאָ דאָ.
דאָך פיל איך ווי טויזנט אויגן וואָלטן קוקן אויף מיר...

א שאקאל,
דערשראָקן פאר מיין טראָט,
אנטרינט, ווי א ווינט, אין די קוסטן.
פונדערווייטנס בלייבט ער שטיין, באטראכט מיך מיט נייגער...

ווי גוט איז אים צו זיין א שאקאל אצינד...
פאר אים איז אָפן די מיסטעריע פון דער נאכט
(ווייל ער אליין איז די מיסטעריע פון דער נאכט;
און היימלעך איז אים דער פחד פון די היילן
(ווייל ער אליין איז דער פחד פון די היילן).

ער הייבט־אויף זיין הונגער־געוויין פאר גאָט,
אומגעשליפן...
די לבנה באהאלט זיך פאר שרעק הינטער א וואָלקן.
איר ליכט שטראָמט־אפיר,
ווי א וואסערפאל,
אויף דער ברוסט פונם ים...

אין אַ טאָג פון סופזומער

ס׳איז היינט מאָנטיק דער טאָג,
געוויינלעכער טאָג פון סופזומער.
גייט זיך פארביי ווי די אנדערע טעג ביז אהער
און שטעלט זיך נישט אָפּ אויף א רגע
א שמייכל צו טאָן מיט זון און מיט פעלד
מיין פאראומערט געמיט...

הייב איך זיך אויף
און גיי מיר אוועק צו דעם ים.
איך וועל מיר דאָרט הילן אין שוים פון די כוואליעס,
פרואוון א פיש טאָן —
מינוטן, זילבערנע
פון רו און פארגעסנקייט...

ביים ים־ברעג:
פון צפונזייט:
די רואינען פון קסריה.
שטארצן דאָרט אייביק ארויס פונם וואסער...

פון דרומזייט:
צוויי פעלדזן,
צעטיילט פון האלב־רונדיקן איינגוס.
איין פעלדז — א מעפיסטאָ־פראָפיל
מיט א מיצל אויפן קאָפּ — אן איינזאמע ווילע, —
קוקט מיט אָפענעם מויל אין דער ים־ווייט...
צווייטער פעלדז —
סילועט פון משה מענדלסאָן!..
ער האָט זיך פארקוקט אויף די פעלדזיקע ברוכשטיק,

וואָס זיצן, ווי קראַליקעס, קעגן אים אויפן וואסער.
פון דער נאָענט ווערן די קראַליקעס
צעבראָכענע טראָנען...

ס׳איז מיטנטאָג איצט.
און זון איז אין הימל,
און גאָלד איבער זאמדן.
האָט דען נישט אָט־די זעלביקע זון געגאָלדיקט
די טעג פון מיין ייגנט?
פאַרוואָס־זשע אצינד זיך ניט שענקען
דעם ים, און דער זון, און דעם ווינט?..

דער ים שטורעמט אין אומרו.
עס שטייען־אויף כוואַליעס
און שלאָגן אָן אויפער דעם קאָפּ אָן די פעלדזן,
ווי מלאכים, ווייס־פייערדיקע,
טוענדיק תפילה צום בורא
פאַר אלע פאַרוואָגלטע פעלקער,
קלאָגן
אויף זייער צעבראָכענעם לעבן...

קטיף 1940

גערוען א צייט,
ערשט דאָ ניט לאַנג
ס'האָט מענטש זיך געמיט
און בוים האָט געבליט
אויף שוים ביי ערד, דער מאַמען.

און איצט די ביימער,
באַלאָדן מיט פּרוכט,
שטייען פאַרשעמט:
— די צייט איז שוין לאַנג
צייט פון שניט
און אונדזער האָב,
דאָס אויסגעטראָגענע,
קיינער קומט נישט און נעמט!

וואָס איז געשען, —
גייט־אום א זיפץ
פון בוים צו בוים, —
צוליב וועמען,
צוליב וואָס
דורך שטורעמס און שלאַקסן
זיך באַמיט,
און געבליט,
און געוואַקסן?..

און אויך דער מענטש
קומט צו גיין

בײַם אויפֿגאַנג פֿון זון
אין זײַן גאָרטן
מיט הענט, פֿאַרשעמטע:
נישט דער װעלק
נאָר דער בלי
פֿון דער פּרוכט פֿון זײַן מי
איז אַצינדערט זײַן זאָרג:

„ערגעץ־װאו
בלוטן מענטשן —
צוליב װעמען?
צוליב װאָס?
ערגעץ־װאו
לעכצן גימענס
אַ טראָפּנדל זאַפֿט,
מאַראַנצן־זאַפֿט.
נאָר פֿײַער און פֿלאַמען
די װעגן פֿאַרצאַמען...”

און פֿול באַדױער
הײבן־אָן זײַנע הענט
צו פֿליקן די פּרוכט,
אַ בױם נאָך בױם,
אַ שורה נאָך שורה
און װאַרפֿן דער ערד
די גאָב איר אין פּנים...
אַזױ ביז פֿאַרנאַכט,
דער שעה פֿון מידקײט,
און ער קערט זיך אָפּ
פֿון זײַן גאָרטן אַהײם,
פֿול מיט געװײן.

געשרייען

נאכט אויף נאכט
קומען געשרייען צו מיר אין מיין שטוב
און פאלן מיט שטילן געבעט צו מיר צו
און מאָנען א טראָפנדל ליכט,
א שפּור פון באגינען...

האָפנונגסלאָז, עלנט,
נאקעט, פארהונגערט,
אין וואנזין צעשויבערט,
זעען זיי אוים ווי פון אונטער א חלף,
וואָס בליצט ביי דעם שונא אין האנט,
און זיין מדבר־דאָרשט — גאָרנישט צום שטילן.

נאכט אויף נאכט,
אָט ווערן זיי פּלוצים אנשטילט, די געשרייען,
אין חושך פארלוירן —
און ווידער געבוירן...

פרילינג

דער פרילינג געקומען. דער פרילינג שוין דאָ.
און באנאנד מיט זיין שיינקייט
וואקסט־אוים מיט בייזוויליקן שמייכל
געשפּענסט פון צעשטערונג...

ווידער קאָרטשעט זיך די ערד אין געיאָמער
אונטער שמיץ פון פייערדיקע בייטשן...

נאָר דאָ אין גאָרטן ביי מיין פענצטער
שלאָפט, ווי א קיניג, די מילב
אין פאלאץ פון א בלום.

און ווען זי וואכט־אויף פון איר דרימל,
פּראוועט זי רואיק אָפּ איר האָניק־מאָלצייט
און מאכט זיך דערנאָכדעם א שפּאציר
אין דעם פארבאָרגן־באלויכטענעם זאלן־לאבירינט,
באוואונדערט די גאָלד־באקרוינטע זיילן...
און היט, און הערט
ווי סע בליט
איר פאלאץ — די בלום.

מיין קאָפּ

איך, וואָס טראָג מיין קאָפּ
שוין דרייסיק יאָר אויף ערד, —
איך זע וואָס אזא קאָפּ
ווי מיין, האָט היינט די ווערט...

א שפּליטער פון גראנאַט,
א פּאָכע פון א שווערד —
און ס'פליט אראָפּ מיין קאָפּ
פון אקסלען אויף דער ערד.

פון גאָרגל טוט א שלאָג
א בלוטיקער פאָנטאַן.
דאָך וויל דער בלינדער גוף
נאָך ווייטער טאָן א שפּאַן...

נאָר ס'טוען זיך א בויג
אין וואקל זיינע קני,
און ס'טוט אים צו דער ערד
מיט שטייפער האנט א צי.

ער פאלט אוועק מיט קראך
און קאָרטשעט זיך אין קראמף
און ראנגלט זיך מיט צייט
ביז ער געווינט דעם קאמף:

בלייבט ליגן אויסגעשטרעקט
אין גליווערדיקער רו.
און עמיץ נעמט דעם קאָפּ
און לייגט צום גוף אים צו.

א שמייכל, פרעמד און שטאַר,
אויף דעם געזיכט זיך בלייכט,
ווי גלייך ער וואָלט אצינד
שוין האָבן אלץ דערגרייכט...

באלאַדע וועגן אַ שטעטל אין פּוילן

ווי עלנט די ערד איז אַדאָ.
געווען דאָ אַ פֿאָלק — און נישטאָ!

נישטאָ ווער זאָל וועגן אויף וואָג
דאָס גאָלד פֿונם טאָג;

פֿאַרעבן אין ליד דאָס געדאַכט
פֿון אַ ווינטער־פֿאַרנאַכט.

נאַכט. זאַווערוכע. און שניי.
אַ שוועל אָן אַ הויז. און איך שטיי...

איך הער: אָן אַ קול אַ געוויין;
איך זע: אָן אַ מויל לאַכן ציין.

אין שניי, זע איך, בלאָנדזשען־אום טריט,
טריט — פֿון קיינעם ניט!

דער קיינער, קאָן זיין, איז אַ מת;
קאָן זיין: אַ געשטאָרבענער נס,

דערחלומט אין וועלט פֿון געזאַנגען, —
פֿאַרשפּעטיקט אַהערצו דערגאַנגען...

באַלאַדע וועגן פויער אויף די חורבות פון געטאָ

ווייגן זיך ביימער אין האַרבסטיקן טרויער.
שפּאַנט איבער חורבות פון געטאָ א פויער.

האָר אין צעשויבער און גיריקע אויגן
איבער דער ערד, דער פאַרקוילטער געבויגן.

און אין די אַשן פון הויט און פון ביינער
זוכט ער דעם שימער פון גאָלד און פון שטיינער...

אָט טוט ער די ערד מיט זיין פּאַל א באַריר
און מיט ציטריקער האַנט איבער אַשן א פיר,

און זוכנדיק, פּלוצלינג אין אַש אויף די הענט
א געזיכט ער דערקענט...

פילט ער, עס ווערן די הענט אים באַשווערט
און נעמען אים ציען אַראָפּ צו דער ערד.

נעמט ער דאָס אַש און צעשפּרייט אויפן ווינט,
הערט ער אין ווינט דאָס געוויין פון א קינד.

באַפאַלט אים א שרעק און ער לאָזט זיך שוין גיין
צוריק צו זיין דאָרף, פאָלגט אים נאָך דאָס געוויין.

לייגט ער זיך שלאָפן אין הויף מיט די שאָף,
הערט ער דאָס קינדיש געוויין אינם שלאָף.

זיצט ער און קרעכצט און ער קאָן ניט פאַרשטיין: —
געזוכט האָב איך גאָלד — און געפונען געוויין...

א מחנה קינדער

א מחנה קינדער — זקנימלעך.
איעדער קינד — אַ ריטל.
מיט בליק, מיט אויסגעליטענעם,
וואָס קוקט אויף אַלץ מיט ביטול...

אויף פראַגע, וואונדיקער: „פונוואו?"
הייבט איינער אויף א שטומער
דעם אָרעם זיינעם און ער ווייזט:
„אָט גיט א קוק דעם נומער..."

איך זע, ס'איז נומער שאַנד-און-גרויל,
ס'איז נומער ווי-און-ווינד דאָרט,
א נומער איינגעברענט אין לייב:
איין הונדערט-טויזנט הונדערט.

— און הונדערט-טויזנט ניינציק ניין
וואו זענען הינגעקומען?
— פאַר יעדן קאָפּ א ציגאַרעט
דער הענקער האָט גענומען!

— און דאַ, — זאָג איך, — קומט-אָן נישט גרינג
די ערד פון שלאָף צו וועקן...
טוט צווייטער מיט דער האַנט א מאַך:
„וואָס קאָן אונדז דען נאָך שרעקן?.."

— נישטאָ קיין איינער צווישן אונדז, —
א דריטער וויל דערזאָגן, —
וואָס זאָל נישט האָבן אין זיין לייב
א ביקסן־קויל געטראָגן...

— נו אויב איר רעדט פון ביקסן־קויל, —
א פיערטער שמייכלט ביטער,
צעכראַסטעענדיק דאָס העמדל זיינס, —
איז האלט איך שוין ביי דריטער...

אָט איז די ערשטע. דאָ... איר זעט?
ס׳איז סתם אזוי באַצאָלעכץ
פאר גנבענען, — וואָס מיינט איר: וואָס? —
א פאָר קארטאָפל־שאָלעכץ...

די צווייטע קויל — אן אָנדענק מיר
אין אָט־דער האנט (מיין לינקע),
ווען כ׳בין אין חושך פון דער נאכט
אנטלאָפן פון טרעבלינקע.

און דריטע קויל... נו יאָ... איך האָב
געטאָן זי א פאַריאַרשע
צוזאַמען שוין מיט לעצטיקן
קאפיטל „געטאָווארשע"...

אין שקיעה-צייט פון מענטש

אין שקיעה-צייט פון מענטש
מיין פלאמיקער באגער איז:
א פידל, אזוי גרוים
ווי ס׳איז דער ים כנרת

א נעם טאָן זאָל א ריז
אין האנט, מיט פינגער פלינקע
א שפיל צו טאָן דער וועלט
דעם נוסח פון טרעבלינקע...

מען זאָל פון עק צו עק
אויף דעם פלאנעט דערהערן
זיין שקיעהדיק געזאנג
און גרייכן זאָל די שטערן...

און אונדזער אטמאָספער
זאָל טאָן זיך א צעציטער
און מיט יעדן טאָן
צעוואקסן אין געוויטער,

און אויפוועקן די ערד,
די גרויע פון איר שטומען,
עס זאָל זיך בארג און טאָל
אין גרוילעניש צעברומען,

אז ס'זאָל פון שטאָט נאָך שטאָט
צעוואַלגערן די שטיבער,
אַרויסשפּייען ווי סם
די טויטע פון די גריבער,

און אויסרייסן עס זאָל
די ביימער מיט די שטאַמען,
און ווערן זאָל די ערד
פאַרפלייצט פון אַלע ימען!

א רעגנבויגן אין דער נאכט

א וואָרט

מיר זענען געגאַנגען באַנאַנד,
איך מיט מיין אַרישן פיינט
פעלדער... עס האָט אונדז צעטיילט
די ביקס אין מיין האַנט.

אַ טאָג איז געשטאַנען אויף וועלט
מיט זון און מיט פרילינג צעהעלט,
מיט פייגל-געזאַנג און מיט דופט
פון טויאיקן פעלד.

ער האָט מיט אַ לאַך זיך באַמיט
צו רעדן פון דעם ווי נישט גוט,
אַז ס׳קומט אַ חמסין אין דער צייט
ווען בוים שטייט אין בליט.

און פּלוצים דערוועקט אַזאַ וואָרט,
אַ זוניקס. עס האָט נישט געפּאָרט
דעם וואָן, וואָס פאַרנעמט איצט ביי אים
אין האַרצן אַן אָרט...

און ס׳וואָרט, אַזוי הייליק אין לויב —
געפאַלן פאַרשוועכט אינם שטויב,
אין צאַפּל געוואָרפן זיך, ווי
געשאָכטענע טויב...

מיר זענען געגאַנגען באַנאַנד,
איך מיט מיין אַרישן פיינט
פעלדער... עס האָט אונדז צעטיילט
די ביקס אין מיין האַנט...

צום לאנד כנען

אז דו ביזט א מאַגערע קו
דאָס ווילט זיך מיר טאָן א צעהילך: —
ווי האָרביק די שעהען פון מי,
און ווייניק דיין מילך...

און יאָרן, אויף הפקר צעזייט,
ביי דיר אונטער זון, אונטער דיין —
זיך אָפטמאָל צעוויקלט מיט פרייד
נאָר עפטער — מיט פיין...

און דאָך האָט מיין דיכטערשן שטאָלץ
שוין לאנג אַדאָ אָטעם פארפעלט.
ער האקט איצט אין וואלד ביי דיר האָלץ
און מיסטיקט דיין פעלד...

און דיינע צעשפיגלטע נעכט
מיט ביקס אין דער האנט איך באהיט,
זיי זאָלן נישט ווערן פארשוועכט
פון רויבערשע טריט.

צוגעשמידט

צוגעשמידט צום פעלדז דאָ מיינע טריט,
מיט אויער, איינגעהערט ביים דפק פון דער נאכט,
און אויגן אָנגעשפּיזטע אין דער פינצטער,
איך שטיי מיט ביקס געטרייער אויף דער וואך.
אונטער מיר אינדערהוויים
שלאָפן שטיל־פּארטאיעטע די דערפער פונם עמק.
א פויגל וועקט זיך טרויעריק פון שלאָף,
און גראָזן וויגן זיך אין שטערנשיין.

געשרייען לויפן־אָן מיט פינקלענדיקע אויגן.
„איבער וועמען, וועכטער,
דיין וואכן אינדערנאכט?"
איך ענטפער שטרענג:
— דעם חלום פון מיין נביא!

ראובני דער פאסטעך

ראובני, דער פאסטעך
ביי פעלדזיקער וואנט
שטייט היינט אויף שמירה
מיט ביקס אין דער האנט.

די וועגן פון מדבר,
זיי וועקן פארדאכט.
ער שטייט, א פארהאָרכטער
צום טראָט פון דער נאכט.

די נאכט קומט מיט לויער
פון הינטערן בוים
און וויל נאָר באטרעטן
דעם ראנד פון זיין טרוים.

ער שטעלט־אָן די וואָפן,
פארטאיעט און שטיל
און מאכט־צו די אויגן,
און טרעפט אינם ציל...

אז ס׳טריפט פון די וואונדן
פון נאכט מיט באגין,
און פעלדער אין טויען
צעכוואליען זיך גרין,

זיין לייב גייט ער באָדן
אין וואסערן קלאָרע
און שלייפט אויף זיין דודע
צום אויפגאנג אן האָרא...

20־טן מערץ, 1948

ערב זונאויפגאַנג

מזרח־ראַנד — אַ פאַרבן־בילד
פון טריאומף און מאַנגל,
גלייך עס וואָלט באַנאַכט געשען
דאָרט אַ גרויס געראַנגל...

אויף אַ לויטער־בלויען פעלד,
גרוי געקליידט, מיט שפּיזן,
און מיט קעפּ, פאַרוואונדעטע,
וואַלגערן זיך ריזן...

און אויף אינדזלען — שיינקייטן,
וואָס נישדאָיק זענען,
ווייסע, גלימערדיקע שטעט
אינדערוויט דערברענען...

און אָט שוועבט גאָר אום אַ פרוי
מיט צעבלענדטע פליגל
און אין מיילער רויטן וויין
גיסט זי פון אַ קריגל...

און אַ האַנט שלאָגט־אויס ביים ראַנד
רויטע פייער־צייכן,
אַז די זון, אַ יובלענדע,
וועט אונדז באַלד דערגרייכן...

שטראַל און צעשטראַל זיך

שטראַל און צעשטראַל זיך,
שטראַליקער בוים,
מיט ליכטיקע בלעטער
און פאַרביקן זוים.

פון ערדישע וואָרצלען,
שטראַליקער בוים,
און ביז דײַנע צווײַגן,
צעשפּרייטע אין רוים.

מיט רויטע לבנות,
שטראַליקער בוים,
צעבליט אויף די צווײַגן,
ווי זעלטן אין טרוים.

עס שטוינען די ימען,
שטראַליקער בוים,
און ריטמיש אויף כוואַליעס
לעשט זיך דער שוים.

די ערד אין באַוואונדער,
שטראַליקער בוים,
געפּלעפט איז אין שווײַגן,
געפּלעפט ווי אין צוים.

און אויגן פארגאפטע,
שטראליקער בוים,
א ליכט — אזא העלקייט
זיי גלויבן זיך קוים.

א ליכט — אזא העלקייט,
שטראליקער בוים,
צעשטראלט איבער לענדער
און איבער דעם רוים...

אייגנלאנד

לבנה-נאכט. ביים ראדיאָ
סע וואכן מענטשן, ווארטן,
און, דאכט זיך, אויך די בלויע נאכט
און די לבנה ווארטן...

און ביי דער לעצטער דעמער-שעה
א וואָרט לויכט-אויף פונוויטן
מיט נס פון לאנד, וואָס קערט זיך אום
צו'ן אונדז פון אלטע צייטן...

און מענטש נעמט-אָן א מענטש ביים האנט
און טאנצט דעם וואָרט אנטקעגן:
אָ אייגנלאנד, אָ אייגנלאנד,
מיט אייגענע די וועגן.

מיט דערפער אייגענע און שטעט,
און אייגנס ווייץ און קאָרן;
מיט זילבער-טויען, אייגענע,
און אייגענע קאיאָרן.

מיט אייגנן-הימל איבער אונדז
און אייגנס זון און שטראלן;
מיט טייכלעך, וועלדלעך, אייגענע —
און אייגענע שאקאלן...

די פרילינגען, די זומערן,
דער מדבר-ווינט, דער רעגן,
און הארבסטיקער געוויין פון ים
ביים פעלדזן-ברעג איז אייגן...

א חרובע שטאָט

א חרובע שטאָט, וואו ס'איז קיינער נישטאָ,
הענגט אינדערלופטן פארגליווערט די שעה.

— ווי ווייט קאָן א שעה אין איר גליווער דערגיין? —
וויל זי געפינען איר זייגער אין שטיין.

צעשמייכלט דער שטיין זיך, אז שטיין איז ער שטיין
נאָר דאן, ווען ס'איז עמיץ דאָ דאָ אים צו זען...

דערוועקט זיך איר ווילן, פארזאָמטן ווי קווארץ,
נעמט זי ארויס פון די חורבות א הארץ,

און טוט עס צו זוניקע הייכן א טראָג, —
און ס'הארץ טוט שוין ווידער מיט לעבן א שלאָג.

דאָס הארץ קערט זי אום אין דער שייד פונם גוף,
און ס'הייבט־אָן דער גוף צו דערוואכן פון שלאָף,

פארלירן די רו און די שווערקייט פון ליים...
און האָר שוין באוואלדן זיין קאָפּ און זיין ברעם.

די לונגען דערמונטערט א ווינטל, א קאָלטס.
און ווידער געפונען זיין קול האָט דער האלדז;

די אויגן, ווי שטערן פארלאָשענע צוויי, —
שוין ווידער צעשיינט איבער חורבן־פארזוי...

און וואַנט נאָך אַ וואַנט אונטער אויגישן גלאַנץ
שוין טוט מיטאַמאָל פֿון די חורבות אַ טאַנץ...

אַזוי איז געשען, אַז אַ שטאָט האָט מיט גליק
צוריק זיך געפֿונען אין מענטשנ׳ס אַ בליק...

אין שטילקייט פון מדברשע טעג

(פאָלקס־מאָטיוו)

אין שטילקייט פון מדברשע טעג
שטייט איינזאם אן אוהל ביים וועג,

און איבערן אוהל א בוים
צעשפרייט זיינע צווייגן אין טרוים...

באנאכט, ווען די מדבר זיך קילט
אין טוי אונם דאָרשט אירן שטילט,

פארהאלט די לבנה איר טריט
און דאָרטן, ביים אוהל דערהיט

א פרוי פון נישט־ערדישער וועלט
זיך שאָטנט ארוים פון געצעלט.

איר פנים, פארדבקט און אלט,
פון אינערלעך ליכט איז באשטראלט.

א ווייליקע שטייט זי פארטראכט
און פאָרשט, קוקט זיך איין אין דער נאכט,

און לאָזט זיך מיט שטאָק אין איר האנט
אויף וואנדער פון לאנד איבער לאנד, —

ס׳געוויין פון דער ערד אין איר גרוים
פארנעמט, זאמלט־איין אין איר שוים

און ברענגט עם פאַר גאָט, דאָס געוויין...
און גאָט, ווי ער זעט זי נאָר גיין,

שטייט־אויף פון זיין ליכטשטול און גייט
אקעגן זיין טאָכטער דערפרייט:

— „זאָל אייביק געבענטשט זיין די שעה,
ווען רחל, מיין ליבע איז דאָ!

כאָטש מיד ביזטו איצט פון דיין גאנג,
נאָר מיר זעסטו־אוים ווי געזאנג...”

באקלאָגט מוטער רחל זיך: — „גאָט,
נישט לויב קום איך בעטן — דיין גנאָד!

פארוואָס איז דיין וואָרט ווי א שילף,
פארפעלסט מיינע קינדער דיין הילף?

פארוואָס, — אָ ווי שווער צו פארשטיין! —
געפעל איך דיר נאָר ווען איך וויין?..”

און ס'ענטפערט איר גאָט מיט א טרער:
— ס'איז, טאָכטער, דערפילט דיין באגער.

ס'האָט דער נביא געזאָגט, — ווי דו ווייסט, —
פאראנען פאַר דיר נאָך א טרייסט.

שוין קאָנסטו דיר זען ווי צעהעלט
זי שפּראָצט מיט די זאנגען אין פעלד...

ווי זעלטן

ווי זעלטן טרעפט, אַ בלויער טרוים
דערגרייכן זאָל פון וואָר די שטופע.
ארויסגיין לאָמיר היינט אין פעלד
מקבל־פנים זיין די תקופה...

און איבער ערשטן טרויבנקראַנץ
ביי שטערן־ליכט דאָ מאַכן קידוש.
אויף וואָסער שפּראַך דיין קול נישט קלינגט,
דער עכאָ ענטפערט דיר אויף יידיש...

א בוים

דניאל לייבלען

געשפּאַנט אין דעם עול,
ווי אין דוהע א פערד,
האָב איך לאַנג מיט די ציין
דאָ געאַקערט די ערד.

און צעאַקערט א פעלד,
און א גאָרטן געפלאַנצט,
און מיין הונגער אין נעכט
מיט אַן האָראָ פאַרטאַנצט.

און אַצינדערט, אָ זע,
ווי מיין ווייאיקער טרוים
האָט זיך דופּטיק צעבליט,
זיך צעוואַקסן — א בוים.

און דער בוים טראָגט דאָס גאָלד
פון זיין פּרוכט צו דער צייט
פאַר געלייטערטן דור,
וואָס קומט־אָן פון דער ווייט.

און נאָך איידער ער קומט —
זיינע לויבן מיר שיקט
פאַר דער זאַפט פון דער פּרוכט,
וואָס דעם גומען דערקוויקט.

אין זוניקן הי

אומעטום אין דעם זוניקן הי
אויך איך האָב א טראָפּנדל מי

ארייגעטריפט דאָ אין דיין גוף,
דערוואכן דו זאָלסט אויף מיין רוף...

אויך איך קאָן אצינד אין מיין גאנג
א זאָג טאָן צו זיך מיט געזאנג:

ווי יינגיק דאָס פּנים פון לאנד
צעבליט האָט זיך אונטער דיין האנט!

די ביימער — די גרינינקע האָר, —
געוואשן פון טוי אין קאיאָר.

די באקן צערויטלט אין גלי, —
די רויט פון דער מאָן־רויז אין בלי.

דיין שארפע, געשליפענע נאָז —
א פעלדזן־בארג, זונאויפגאנג־ראָז,

און איבער דיין מויל־ווינקל גרייט
א טראקטאָר — א חן־פינטל — שטייט...

דיינע אויגן — צוויי אָזיערעס טיף,
דאָס אפל ביי זיי איז א שיף...

און יעטוועדע ברעם איבער זיי —
א טשערעדע שאָף אין א ריי.

געמיטלעך זיך פאשענדיק... קייט
די פארבן־סימפאָניע פון צייט...

צו די כרמל-בערג

באַנאַכט מיט מיין יעמוועדן שפּרייז,
איר שוועבט ווי פּלאַנעטן אין קרייז,

מיט גילדענע קרוינען צעלויכטן.
נאָר דער, וואָס באַוואוינט אַדי הויכן,

שוימט רואיק זיך אָפּ נאָר דעם שוים
פון וואָר-אויפגעגאַנגענעם טרוים...

אין ווילעס, באַוואַכט פון ציפּרעסן,
ווי לייכט איז אים היינט צו פאַרגעסן,

ווער דאָ האָט די פעלדזן גענערט
מיט שווייס... און אין רו, אומגעשטערט

געניסט נאָר די פּרוכט פון מיין מיאונג
און טרינקט-אוים דאָס ליכט פון מיין גליאונג.

דיינע שיפן

איצט שפּאַצירן דיינע שיפן שטאָלץ
איבער ווייטע ימען.
נאָר דעמלט, ווען מיר האָבן אַט־דעם שטאָלץ
געכאַוועט בלויז אין אונדזער חלום.
פלעג אין שבתדיקע, לויטערע פאַרטאָגן
דערגרייכן אונדז אין שלאָף
דער רוף פון זילבער־האָרן,
אויפצוזאַמלען אונדז ביים ירקון־טייך.

און דאָרט, ביים איינגוס פונם טייך
מיר פלעגן דורכברעכן די כוואַליעס, שוימיקע,
אויף אַ שיפל זיך אוועקלאָזן
צום סאַמע האַרץ פון ים.

עס פלעג די זון באַגלייטן אונדז
אויף וואַסער, אַ צעפינקלטע
אין פייערדיקע בלומען...

דעלפינען־אויגן פלעגן היטן אונדז,
זיך איבערגעבנדיק דעם כוואַליע־שוים,
און מיט שטראַלן־סטרונעס, אָנגעצויגן אויף דער וויע,
פאַרקנסן אונדזער גורל דער סטיכיע.

מיין גאָרטן

די בייטן אויסגעלייגט ווי קאָרטן,
און אינדערמיט א בייט — א גאָרטן.

פון אָט דעם גאָרטן די דערזינגער
געװעזן זענען מיינע פינגער...

איך זע אין מיינע כריזאנטעמען
די פרייד פון געבן אָנשטאָט נעמען...

אין די פארוואונדערטע נארציסן
איך הער דעם אראָמאט פון וויסן.

און מיט דער פארב פון מיינע פאַנען
עס גריסן מיר די אנעמאָנען.

ווי ס'בלענדט אין פעלד די עפּל-בליאונג
מיט לויטערקייט פון מיין באמיאונג !

אין זאפטיקייט פון מיינע קארשן
איך פיל דעם טעם פון זיגער-מארשן ;

אין די בורשטינענדיקע טרויבן —
די שיכרות פון צו זיין דערהויבן ;

און אין מיין זונענדיקער פלוים —
די זיסקייט פון דערלייזטן טרוים...

אָאויס

ווען זון וואַכט-אויף

ווען זון וואַכט-אויף אַהינטער בערג,
דער מזרח שטייט אין פלאַמען,
דערטראָגט צו מיר זיך דורכן שלאָף
אַ ווייט געזאַנג פון ימען...

דערפיל איך די מינוט און ריר
פון חלום מיינע גלידער,
און צו דעם בלויען ברעג פון ים
מיט פלינקע טריט איך נידער.

צום ערשט נישט-דרייסט אַ שטעל דעם פוס
אין קאַלטינקן געוויסער,
און ס'לויפט אַ שוידער דורך מיין לייב,
אַ תענוג, אַזאַ זיסער...

איך טו מיר אַ צעפיר די הענט
אויף כוואַליע-שוים צעלאָזן,
און כוואַליעס קעגן מיר אין לויף,
ווי מחנות ווייסע האָזן...

עס קוועלט אין מיר איעדער גליד,
די שלייפן — ווי דערלייטערט!
און נאָך אַ שווים, און נאָך אַ שווים —
ווי ווייט פון ברעג דערווייטערט!

און פאַלט אַ מידקייט אָן אויף מיר,
אויף הענט און אויף די קניען,
צעלייג איך זיך אויף וואַסער־פלאַך
פון מידקייט אויסצורוען.

איז ליג איך מיר אינמיטן ים
און רו ווי אויף געלעגער.
און זון אין מזרח־זייט זיך וויגט,
ווי אומרו פון אַ זייגער...

ניִשט איינמאָל שוין

א

ניִשט איינמאָל שוין ווי ס׳האָט דער ים
מיט מיר א שפּאַס געטאָן. געוואָלט
פאַרנאַרן אין זיין טיף...

דאָך אומגעשטילט איז מיין געלוסט,
וואָס טראָגט איעדן אינדערפרי
אַרונטער פון געלעגער מיך
און ברענגט מיך צו דעם ים
פאַרמעסטן זיך מיט כוואַליע־לויף
און אויף די רוקנס זייערע,
ווי זיי מיט שוים, — מיט ליכט און פרייד
פאַרכלינען...

ב

אויפן זאַמד, אויפן הייסן, ביים ים־ברעג
א נאַקעטער ליג איך מיט פּנים
צו זון — און ווי זוניק מיר גוט!

איך שטעל־אָן מיין פּויסט — א שפּאַקטיוו,
קעגן זון א שפּאַקטיוו און איך פּרואָוו
אין איר אַפּל מיין אַפּל פאַרזייגן,
נאָר מיין אויג קאָן ניט ביישטיין און זון
צעשפּליטערט, צעברעקלט, צעשטויבט זיך
אויף מיינע פאַרזשמורעטע וויעס
אין רעגנבויג־פאַרביקע, שטראַליקע

רינגעלעך, פּאַסיקלעך, בלימעלעך,
וואָס לויפן־אום, ברעכן זיך, טוישן זיך,
און ווי קוועקזילבער ציטערן, ציטערן...

אויף דער בלויער, דער ימישער רחבות
טאַנצן כוואַליעס מיט זון אין די אָרעמס
און יאָגן איינאַנדערער נאָך
און פאַלן דעם ברעג צו די פיס...

פאַרוואָס

פאַרוואָס זינג איך נאָר פון אָט־דער,
וואָס מיין פריינטשאַפט געווען איז איר שווער,
און אויסמיידן פלעג זי מיין וועג
און ענטפערן קיל מיין פאַרנייג;

און וויל גאָרנישט זינגען פון דער,
וואָס איר פריינטשאַפט געווען איז מיר שווער,
און אויסמיידן פלעג איך איר וועג
און ענטפערן קיל איר פאַרנייג?..

איז דען נישט געווען איר פיין
נישט ווייניקער פיינלעך ווי מיין?..

אַ מרים, ווי העל און צעשטראַלט
איך זע איצט פאַר זיך דיין געשטאַלט,

דיין קינדיש־פאַרחלומטן בליק,
מיט שטילער פאַרטרויאונג פון גליק!

ווי אָפט אין פאַרבייגיין מיין הויף,
מיך וועלנדיק טאָן אַ צעשרויף,

דו פלעגסט מיט דיין זינג, מיט דיין לאַך
אַנטבלויזן דיין פיין אויף דער פלאַך

און שיקן אים, ער זאָל דערגיין
צו מיר אין מיין הויז... נאָר דער פיין

פלעג בלייבן דאָך שטיין ביי מיין טיר —
און איז נישט דערגאַנגען צו מיר...

האָסט מיך געפּירט

האָסט מיך געפּירט פון טאָג צו טאָג,
פון שבת אָפּגעלייגט אויף פרייטיק...
ביז ס'האָט די ווינטרויב שוין גערייפט,
און די מעלאָנען — צייטיק.

ווי גוט צו גיין אין האָרא-טאנץ
מיט דיר אויף אָוונטיקן שייער.
דערנאָך צערייפּטלען א מעלאָן
און שלינגען שטיקלעך פייער...

שבת

פאַרוואָס האָב איך זיך פאַרטאַיעט אין חלום פון לידער,
אַז איך האָב אַזש פאַרגעסן דעם סדר פון טעג
און געמיינט, אַז היינט איז גאָר פרייטיק?..
איך בין אויפגעשטאַנען אינדערפרי
און שעהען־לאַנג געפינקלט מיין צימער
און דערנאָכדעם געוואַשן מיין לייב,
און ווען זון האָט גענומען זיך נייגן צו מערב,
האָב איך מיך אויסגעפּוצט
און בין אַוועק צו דיין הויז.
דו האָסט מיך דערזען
און געשטוינט:
„וואָס פאַר אַ יאָנטעוו אַף דיר!..״

— ווי טרויעריק מיר איז צו באַנעמען,
אַז איצט איז ניט שבת,
אַז איצט איז נאָך וואָך...
ניין, איכ׳ל שוין פון דיין טיר נישט אַוועקגיין,
איכ׳ל שטיין אַזוי און וואַרטן
ביז ס׳וועט אָנקומען דער שבת...

בין געקומען צו דיר

בין געקומען צו דיר מיט דער זון אין פרימאָרגן
און פּונקט ווי די זון האָט פאַריאָגט
די שאָטנס פון דער ערד,
האָב איך מיט מיין ליד
אַנטהילט
פון טרויער דיין פנים...

און דו האָסט, ווי די ערד, זיך צעשמייכלט...

איצט גיי איך אַוועק מיט דער זון.
און ווי די זון אויפן מערב,
שטיי איך אויף דיין שוועל,
און באַדויער —
ווי דיין פנים — פאַרשאָטנט פון טרויער.

מיר האָבן היינטביידע פאַרטאָג

מיר האָבן היינט ביידע פאַרטאָג
געיאָגט זיך אויף אונדזערע פערד
קעגן זונאויפגאַנג אין די בערג,
און איך האָב געהיט, און אַנטציקטער,
איעדן קער פון דיין געשטאַלט.

דערנאָך אונדזער הונגער געשטילט
אין שאָטן פון א בוים
און פאַרטרונקען מיט ווײַן — און געלעכטער...

שפּעטער
באַזוכט דיינע פריינט אינם דאָרף
און פריילעך געווײַלט זיך.

די פרייד, דאָס געלעכטער, און דיין געשטאַלט, —
אַלץ לעשט זיך אויס מיטן אָנקום פון אָוונט
און וואָס סע בלייבט איבער מיט מיר
איז בלויז מיין עלנט און מיין טרויער...

און ווידער

און ווידער בין איך אויף מיין וועג
איינער אליין...
איך האָב דערוואַרט אַ רעגנבויגן אין דער נאַכט,
און ס'איז דער נס ניט געשען.

און דו יאָגסט־אָן אַ פינצטערניש אין מיר
און פייערסט שפּאָט,
אַז נאָך אין מוטערס טראַכט האָט מיך
פאַרשאָלטן גאָט

צו וואַנדערן דורך וועלט
איינזאַם אויף מיין וועג.
דו שפּייזט מיט ליידן מיינע נעכט
און אומגליקסט מיינע טעג.

אין דיינע אויגן

אין דיינע אויגן שפּיגלט זיך דער טרויער פון מיין וועלט.
נאָר ווילסטו אויסריידן א וואָרט,
צו טרייסטן דיין דיכטער,
ווערט דיין שטים פארלאָפּן מיט געוויין.
אָ וויפל יאָר שוין, אז מיר זיצן דאָ ביידע
אין פעלד פון דער נאכט.
ווייטן קומען־אָן אהער,
בייגן זיך אריבער ערד
און קושן זי מיט פארוויינטע אויגן.
דיינע פינגער פאלן אויף מיין קאָפּ,
ווי טוי אין הארבסט־צייט אויף א בוים.
איך קוק אויף דיר מיט צוגעמאכטע אויגן.
אין דעם פינצטערן רוים
פון הינטער מיינע אויגן־לעדלעך
טויכן־אויף אינדערוויט
פידלען פון דערמאָנונג...
וואָס זענען די פארבייגעשווינדלטע רגעם גליק? —
מעטעאָרן,
וואָס בליצן־אויף אינדערנאכט,
ווי אייביקייטן,
און לאָזן אונדז תיכף ווידער אין דער פינצטער...

איך און דער קיינער

אין הפקר פון מיין וואנדערונג

אין הפקר פון מיין וואנדערונג,
וואָס איז געפאלן אויף מיין טייל
האָט נייגער מיך אין העל פון טאָג
פארטראָגן אין א טונקלער הייל.

אָ וויפל שוועלן ס'האָט, מיין פוס
באטראָטן, איז מיר ווייניק דאָך!
ס'האָט דאָ געטאָן אויף מיר א שלאָג
מיט פייכטקייט און מיט גרינעם מאָך.

איך טראָג אריין אין מיינע הענט
אהער מיין אָרעם ביסל ליכט,
און אלטע צייטן גריסן מיר
מיט גרויעז, שטייניקן געזיכט.

און מיילער סודען, סודען אלץ
פון דעם, וואָס איז אמאָל געוועזן.
און אויף דער ערד ליגט א סקעלעט
און קוקט מיט לאכעדיקע ציין...

נאָר מיר זיך דאכט, ס'איז היינט נישט היינט.
ס'איז שוין מיט הונדערט יאָר פאָרויס.
און איך אדאָ, אין טונקלער הייל,
איך בלאָנדזשע אום, א שאָטן בלויז.

און דער סקעלעט דאָ אויף דער ערד,
מיט זיינע לאכעדיקע ציין
זיך אין דער אייביקייט פארקוקט...
בין איך, אַ טאקע איך אליין...

געגנען איך צו צו דעם סקעלעט
און פאל פאר אים אויף מיינע קני
און מיט די ליפן פיבערדיק
איך נייג זיך צו זיין שארבן צו:

— אַ זאָג, וואָס קוקסטו אזוי ווּיסט
מיט דיינע לאכעדיקע ציין?...
עס איז דאָס לאכן דיינס געוויין
פון אלץ און אויך פון זיך אליין...

וואָס איז געוואָרן פון דיין שטאָלץ,
דעם אומרו דיין, דיין ייגנט־שוים,
פון דיינע האָפנונגען און די
לבנה־גערטנער פון דיין טרוים?..

וואו איז אהינגעקומען, וואו
דיין בלאָנדע טויב, וואָס בלויז איר בליק
און שמייכל איז געווען געגנוג,
דו זאָלסט פארכלינען זיך פאר גליק?..

נאָר דער סקעלעט קוקט אלץ און שווייגט...
דאָס קוקט די ווּיסטיקייט אליין
מיט זיינע אויגן־לעכער צוויי
און לאכט, און לאכט מיט זיינע ציין...

אין שפּיטאָל

ס׳איז נאכט. איך ליג דאָ אויף מיין בעטל
און קוק פאר זיך אזוי, אָן ציל.
איין חולה הוסט. דער צווייטער כליפּעט...
ביז אלץ ווערט רואיק, אלץ ווערט שטיל.

איך שליס די אויגן צו אין דרעמל,
פון אנגסט באשלאָגן גרויזאם, קאלט,
דערזע איך: ס׳קומט אין דער פּאלאטע
אריין א שאָטנדיק געשטאלט.

און זיבן מאָל ער מאכט הקפות
ארום די בעטלעך נאָכאנאנד.
דערנאָכדעם הייבט ער אויף זיין שטעקן
און קלאפּט־אָן זיבן מאָל אָן וואנט...

און ווארפט א טונקלען בליק אויף אלעם,
און שלייכט זיך שטיל פון טיר ארויס
און ווי נאָר ער פארשווינדט — צוזאמען
מיט אים זיך וועפּט מיין דרעמל אויס.

און לויט דעם אָטעמען פון מיילער,
און לויט דער שטילקייט, שווער און טריב
עס ווערט מיר תיכף קלאָר, אז עמיץ
איז דאָ געווען אצינד אין שטוב...

איך גראָב זיך טיפער איין אין קישן
און אויפטאָג איז מיין לעצטער האָפ.
א חולה טוט זיך שווער א צאפּל
און שטום צעיאָמערט זיך פון שלאָף.

א י ך

איך בין פון מיין גורל אויף אייביק פאַרשאָלטן
אַז ס'איז מיין נשמה אויף צוויִיען צעשפּאָלטן:

אַט זענען, למשל, די פּיס מיינע צוויי,
איז ביטער מיט זיי מיר, אַ ביטער און וויי.

גייט איינער אויף גאָלדענעם וועג אין זיין גאַנג,
פאַרהאַקט זיך דער צווייטער אין שטיינער און שטאַנג.

די הענט, מיינע הענט — אויך מיט זיי איז מיר שלעכט:
וואָס איינע נאָר בויעט — די צווייטע צעברעכט.

די אויערן — איינער הערט בענטשונג און פרייד,
הערט צווייטער בלויז שרעקן, און זיפצן, און לייד.

די אויגן — דערזעט איינס די ליכטיקייט גרויס,
באַקלאָגט זיך דאָס צווייטע: „ס'זע פינצטערניש בלויז!"

און ס'מויל, ווען איין העלפט זינגט־אויף לויטער און ריין,
פאַרקרומט זיך די צווייטע, ברעכט־אויס אין געוויין...

קיינער

אין דער מדבר פון וועלט, פון דער היגער,
אין דער וועלט־וויסט, דער טרויעריק־שיינער,
דאָ פאַרמאָג איך איינאיינציקן חבר
און זיין ליכטיקער נאָמען איז — קיינער.

אין אַ וויגשטול פון גינגאָלד, באַאויגנט
מיט רויט־פלאַמענדיק־שמייכלענדע שטיינער,
אין אַ פּאַלאַץ פון שטראַלן־שטאָל בלויען
זיצט און וויגט זיך פאַרחלומט דאָרט קיינער...

און ווען טאָג צאָלט שוין אָפּ מיט זיין לעבן,
און אַ עלנט זיך נעסט אין מיין הויז,
אַזאַ עלנט ביז פּיין, און אין מערב
דאָרט פאַרבליט שוין מיין גאָלדענע רויז,

וואַכן טריט מיין געהער אויף און תיכף
עפנט קיינער פאַרחרובט מיין טיר,
קומט־אַריין, טוט אַ נייג זיך פאַרחרובט,
זעצט זיך חרוב אַוועק קעגן מיר.

פרעג איך: — „קיינער, מיין ליכטיקער קיינער,
זאָג, איז אַ ביסט אַ חבר מיר היינט?"
און דער קיינער הייבט־אויף זיינע ברעמען
און פאַרטרויט מיר: ס'איז קיינער דיין פריינט..."

און ווי קיינעם פאַרציטערט מיין ווייטיק...
קיינער גלייט מיך אַרויס פון מיין הויז,
קיינער טרויערט מיט מיר איבער מערב,
וואו ס'וויאַנעט מיין גאָלדענע רויז.

שפּיל, פידלער

א

שפּיל, פידלער, שפּיל.
אין געזאַנג פון דיין פידל
לויכטן־אויף
שפּליטערלעך
לבנהדיקע האַרבסט־נעכט פון מיין יוגנט.
איך בלאָנדזשע אַרום איינער אַליין אין דער נאַכט
און מיט בלינדע פינגער פון זכרון
קלייב איך אויף:

א וועלדל, א שטעג,
אַן איינזאַמען ברעג,
א צאַפּל, א בליק,
א שמייכל — א בריק,
א וואָרט, א קלאַנג
פון פאַרלוירן געזאַנג...

ב

איך שפּיגל זיך
אין די לבנהדיקע האַרבסט־נעכט פון מיין יוגנט,
ווי אין ווייטע מיראַזשן.

דאָרט
וויכערט־אַרום
אַ יאַטל פאַרשייט
איבער שטעטלשע גאַסן...
און ווען איך קום־אָן אים אַקעגן,
קוקט ער אויף מיר
מיט בלוי־פאַרוואונדערטע אויגן,
קוקט אויף מיר
און קאָן מיך נישט דערקענען...

נאָך קינדווייס

נאָך קינדוויים
פלעג אין מיר זיך וועקן אזא שטראליקער
פארלאנג צו שאפן.
פלעג איך אָפּרייסן א שינדל פונם דאַך
און וואַכנלאנג אים מייסטרעווען און שניצן
א פידל מיט א בויגן,
און האָר פלעג איך אויספליקן
ביים עק פון א פערד
און אָנציען סטרונעס.
און אזוי פלעג איך אויף מיין סטראדיוואַרי
אויסשפילן
מיין קינדיש ליד פאר דער וועלט...

ווי אויפשליסן

ווי אויפשליסן, נאכט,
די הערֲאָגליפן דיינע,
וואָס דו שרייבסט אויפן מערב
מיט שוואנען-סילועטן,
וואָס שווימען פארביי דאָרט
אין ראָזיקן טייך פון דער שקיעה?

*

ווי א קעמל
צום וואנדער
דורך מדברשע וועגן,
טרינק איך אָן מיינע בליקן מיטן זונפארגאנג.
זאָל כאָטש דאָס ליכט פון טאָג
אין די אויגן מיר פארבלייבן,
ווען דער טאָג וועט פארגיין.

*

ליכט אין בלוט,
אָ ליכט אין בלוט!
איך בין פארליבט אין דער זון...
זאָל אינגאנצן ווערן ליכט מיין בלוט,
אפשר וועל איך אין מיין אויסשטראלונג
אויך קאָנען באגלייטן דיין וואנדער...

און אפשר.

און אפשר
פון ליד אויף ליד,
ווי שטיין אויף שטיין —
אויסגעוואקסן שטייט א לייכטורעם.

א ריזנפויגל,
מיט פּים געשמידטע צום אָפּגרונט,
צאפּלט ער מיט פייער־פליגל
איבער נאכטישע ימען...

לויטערע וועגן

דאָס לאַנד

דאָס לאַנד, וואָס דו פלעגסט אַלץ דערמאָנען מיט טרער,
אין גלי פון דיין בענקשאַפט,
געריבט האָט מיר איצטער דעם שוואונג פון די טעג,
פאַרשטויסן אין ענגשאַפט...

ווי אָפטמאָל אויך דאָ איז צו שאַנד און צו שפּאָט
דער שוואַכער, געדערכטער, —
דאַכט זיך מיר אוים, אַז עס שוועבט דאָ אַרום
דיין גייסט, אַ פאַרשוועכטער...

אויך דאָ וויל זיין תקיף, אויך דאָ וויל זיין האַר
„דער גביר און עם־הארץ",
כאָטש טאַנץ אים מה־יפית, ווי ער האָט אַמאָל
געטאַנצט פאַרן פּריץ...

און יום־טוב ביים טיש, ווען ער טוט אַמאָל דיינס
אַ ניגונדל זינגען,
מיר דאַכט, אַז ער קרומט זיך דיר נאָך... און דערצו —
נישט זייער געלונגען...

איז טאַקע שוין ליבערשט דעם יום־טוב, די פרייד
פון מאַי צו דערמאָנען
מיט אויפגאַנג פון ייגנט אין רייען נאָך ריי,
מיט פלאַמיקע פאָנען.

אָט קומען זיי אָן און זיי ציִען פאַרביי
פון טאָל און דער נידער
מיט לאַזונגען שאַרפע, מיט אויסרוף, געזאַנג —
נביאישע לידער...

זיי שטייגן אַרויף איבער גאַסן, ווי טרעפּ,
און איבער די דעכער,
און ווייקלען, און שלענגלען דעם באַרג זיך אַרויף
אַלץ העכער, אַלץ העכער...

פרייטיקצונאכטס

שוין אלע צעגאנגגען פון טיש
און זענען צום שלאָפן זיך מכין.
נאָר דו, צו דערזינגען געזאנג,
נאָך שוועבסטו ארום אין די הייכן...

נאָך ציקלט זיך הארציק און זיס
„יה ריבון”, דער וואָלכישער ניגון,
דערמאָנט אָן דעם פאסטעכל אונדז
און נעמט אונדז אין טרויער פארוויגן.

„א שאָד, — קלער איך, — נעבעך א שאָד
דאָס פאסטעכל קליינס אין דער דאָינע,
וואָס וואנדערט ארום און ער זוכט
דאָס שעפעלע זיינס אין די פליינען...”

נאָר פלוצים ווערט שטילער דיין קול
און שטילער... פארלירט אלץ דעם גלימער.
דיין זינגען באוועלטיקט א טרוים,
און זינגענדיק ווערסטו אנדרימלט.

דער לאָמפ הייבט־אָן צאנקען, מיר דאכט:
אן אומהיימלעך אויג טוט מיר ווינקען...
אָט גיט נאָך א צאפל דער פלאם —
און אלץ ווערט אין שאָטנס פארזינקען...

נאָך טרעפט זיך אצינד

נאָך טרעפט זיך אצינד, אז איך מאַך־צו די אויגן,
דערזע איך מיט רעגונג
דאָס אלטע, דאָס ליבע געשטאלט. עס איז מיר באקאנט
זיין יעדע באוועגונג.

נישט הילכיק געווען איז זיין טראָט, נישט געגלוסט, אז
זיין נאָמען
זאָל גיין אים פאָרויס איבער לענדער.
נאָר שטיל זיך געגאנגען זיין וועג ביי דער זייט פון דער וועלט,
אזוי־ווי א פרעמדער...

מיט יעדן שלאָג פון זיין הארצן באהעפט מיטן גייסט,
דעם אייביק־צעשטראלטן.
און געגנום פונם לעבן — נאָר קוים געגנוג
דעם גוף צו דערהאלטן.

און אזוי איז א לעבן פארגאנגען מיט תפילה צו גאָט
אפילו באנאכט אויפן קישן,
מיט זאָרג פארן קיום, מיט וויין און געזאנג
ביי יום־טובדיקע טישן.

און שבתצונאכטס פלעג אין ניגון די פרייד
שטייגן אלץ העכער,
ווען ער פלעג ביים הבדלה־ליכט זוכן — געפינען
זיין שאָטן אין בעכער.

נאָר איינמאָל אן אָוונט אזא איז די פרייד
אים פלוצים אנטרונען.
ער האָט זיין שאָטן אין בעכער וויין
שוין מערנישט געפונען.

ליד וועגן בעל-תפילה

דרייסיק יאָר אויף ערד
שפּראָצן — וועלקן גראָזן,
און איין שיינעם טאָג
ביים עמוד ס'הארץ געלאָזן...

איינמאָל א פארנאכט
ארום דעם טיש מיר זיצן,
טוט דיין בליק א פאל
אויף בלייכע פינגער-שפּיצן

און „יאָ, יאָ," א זאָג
צו'ן אונדז אין צער, אין שטומען:
„מען רופט מיך שוין אצינד,
וואו יעדער מענטש דארף קומען".

טוסט תפילה דורך די נעכט:
„אָ גאָט, מיין פיין דערזע דאָרט..."
ביז ס'האָט דיך אויף דער ערד
פון בעט אראָפּגעשליידערט...

און מיט דעם פארטאָג
דיין גרייטקייט ווערט נאָך גרייטער,
אויף אלעמען ארום
דו קוקסט שוין אזא ווייטער...

ביז לעצטן אָטעם-צי
דיין ליפּ אין תפילה-פיבער,
ביז דו טרעטסט די שוועל
פון אייביקייט אריבער.

רואיק קומט אלע אריין אין מיין געצלט

רואיק קומט אלע אריין אין מיין געצלט.
רואיק ארום מיין געלעגער זיך שטעלט.

נישט ברעכט זיך די הענט און נישט יאָמערט, נישט זיפצט.
ווייל גרוים דאָס געשען, וואָס געשעט מיט מיר איצט.

אַ שטיל קוקט זיך צו ווי פארגאנגען איך ווער.
דאָס מויל ווערט פארשטומט, נישט דערזאָגט מיין באגער.

די כוחות פארלאָזן... עס טונקלט דער טאָג...
און ס'פעלט זיך דאָס הארץ מיט איעטוועדן שלאָג.

דאָס פנים — פארשפיצט און דער אָטעם גייט־אוים,
די אויגן — פארגלייזט, — און מיין לעבן איז אוים...

מיין גוף ווערט אלץ שווערער, און קעלטער, און קאלט,
און ווערט אין א רגע אן אייביקייט אלט.

און הייליק און פרעמד אויף דער ערד זיך צעבלייכט.
דאָס ליכט פון דער אייביקייט האָט מיך דערגרייכט.

דער סוד פון א שטיין

נגב

מד־בר —
זילבן צוויי בלאסע.
דעם פשט הייבט־אָן קלאָרן
דיין יעדע גרימאסע...

ווי לאנג שוין, ווי לאנג
אז פארצערט איז דיין קראפט
און אנטרונען דיין זאפט,
און דיר אומבאוואוסט
דער רויש פון א בוים, פון א קוסט;
אז נישט טועם געווען האָסט א קלאנג
פון דעם שניטער׳ס געזאנג.

דער בעדואין בלויז, וואָס ער האלט
די וויסטקייט ביי גאָט אין ארענדע,
דעם שיין פון די שטערן דורך נעכט
וועבט־אריין אין לעגענדע...

און דער שומר — א יידל,
נישט לאנג ערשט פון גאלאץ,
נעכטיקט אין מדבר —
„ביי זיך אינם פאלאץ"...

„מערת המלח"

געלאָזן דעם טאָג הינטער זיך,
טרעט איך אריין אין דער הייל.
איך שטאָלפּער־ארום
איבער פעלדזיקן ברוכווארג
פון חושך צו חושך.
און פּלוצים — די זון
טוט אן עגבער זיך דורך דעם גראניט,
קוקט אהערצו אראָפּ אין דער טיף,
ווי דורך א שפּאקטיוו,
איבער מירמלנע ווענט
צעשפּרינקלט,
צעפינקלט...

נישט אנדערש:
אמאָל, ווייט אמאָל,
ווען דאָ איז נאָך ימיקער אָפּגרונט געווען,
פלעג אין הארץ פונם פעלדז דאָ
הויזן א ים־גאָט,
אין ווייסער לבנה־שעה
זיצן באשיינט אויף קאָראַלענעם טראָן
און נימפעס אין טאנץ ארום אים פלעגן קרייזן...

און שפעטער, העט שפעטער מסתמא
פלעגן קומען די סדומער
צו זייערן אָפּגאָט,
פון זון דאָ באַלויכטן,
אָרגיעס פּראַווען,
און אין התלהבות
אויסוואַיען זייערע תאוות...

דערנאָך
פלעג א חרטום,
א זעער
פארבלאָנדזשען אהערצו
און פונדאַנעט באַנאַכט
עפעס וועלן דערזען,
עפעס וועלן דערהערן:
„וואָס דערציילן די שטערן?"

איצטער שטיי איך דאָ,
און מיט גיריקן דלאַט
פארטרוי איך דעם פעלדז
דעם קלאנג פון מיין נאָמען...
אפשר אין איינעם א בלויען באגינען
פון א ווייט-ווייטער צוקונפט
וועט עמיץ דערזען דאָ:
אויך א יידישער דיכטער געווען דאָ...

א פעלדז

דער פעלדז, וואָס ער שטאַרצט דאָ אַליין,
אַ מענטש איז, פאַרוואַנדלט אין שטיין.

דאָס מויל זיינס, פון לאַנג שוין פאַרשטומט,
האָט צייט אין אַ קללה פאַרקרומט.

זיין פעלדזיקער בליק איז געווענדט
אין ים-ווייט, זיגזאַגיק צעבלענדט.

ער האָרכט ווי דער כוואַליע׳ס געברום,
ווי ער, שטייט פאַרגליווערט און שטום...

דערמאָנט זיך אַמאָליקע טעג
ווען דאָ האָט אויף יעטוועדן שטעג

געווימלט זיין גיריקער שטאַם,
מיט שטורעמס געקעמפט אויפן ים;

ווי ער, אַ צעטענצלטער, גייט
מיט צימבל, טימפּאַן, אין באַגלייט

פון קינדישן אַנגסטיקן טראָט,
צו שטילן דעם דאָרשט פון זיין גאָט.

און מולך, אים דאַכט זיך, אַנטציקט,
מיט ריח פון קרבן זיך קוויקט.

און אישטאַר, דערזעט ער, אים גריסט,
מיט טויבן, די צווייי ביי די בריסט.

זיי האַלטנדיק צאַרט אין די הענט...
און אויך די וועסטאַלקעס דערקענט,

פאַרשיכורט פון תאווה און בלוט,
געקילט ביים אַלטאַר זייער גלוט...

נאָך איצט איז אין גרויען געקאַרב
פון טריט זיינע קענטיק די פאַרב,

וואָס ער האָט געמישט מיטן בלוט
פון קנעכט זיינע אונטער דער רוט

צו פאַרבן דעם ליין, דאָס געוואַנד
די פירשטן און שררות פון לאַנד.

און ער אין זיין פּאַלאַץ דער האַר,
געהאַט פון די געטער ס׳גענאַר,

אין וואָוילטיק און שיכרות ער פלעג
פאַרברענגען משוגע די טעג.

און יעטוועדער נאַכט פלעג אַ ווייב
געהאַרכזאַם אים גרייטן איר לייב.

אָפט וויל ער אַ הייב טאָן פאַר ווייי
זיין פעלדזיקע שטים אין געשריי,

נאָר ס׳מויל, אין אַ קללה פאַרקרומט,
די צייט האָט פון לאַנג שוין פאַרשטומט.

איך האָב היינט געפּרואווט צו דערגיין

איך האָב היינט געפּרואווט צו דערגיין,
פאַרנעמען דעם סוד פון א שטיין.

א שטיין, וואָס ליגט אייביק און טראַכט:
אליינינקע שטילקייט פון נאַכט.

דערזע איך: דער שטיין זיך צעפּראַלט,
פון אים טרעט אַרויס א געשטאַלט.

טוט א קום צו מיר צו מיט פאַרנויג
און א פרייד זיך צעשטראַלט אין זיין אויג, —

זעט־אויס, אומגעריכט מיך דערקענט, —
ער שטרעקט צו מיר אויס זיינע הענט

און נעמט מיך אַרום און מיך דריקט
צום האַרצן... מיך שיער ניט דערשטיקט...

ער זאָגט: האָב נאָך דיר זיך פאַרבענקט,
ווייל איך — נאָך אלס קינד דיך געדענק.

ווייל אייביק פאַרקריצט איז אין מיר
די אלע עפּאָכעס אין דיר:

אָט איצט, ווען דיין אייגענער זין —
פאַרוועבט דיך אין נעץ, ווי א שפּין;

און סיי ווען מיט נאקעטן לייב
זיך געטוליעט צו מיר, ווי צו ווייב,

און דיך האָט גענערט מיין געצייג;
און סיי ווען געהאָנגען אויף צווייג.

און פלעגסט מיט דיין קוויטש, דיין געוואלד
צעברעכן די שטילקייט פון וואלד.

ווייל ס׳ליכט דיינס אין מיר האָט געגליט
נאָך איידער די צייט האָט געהיט...

א שטיין

שטייט איינזאַם א שטיין דאָ און וואַכט
אויף א קבר און שווייגט אינדערנאַכט.

טרעט־אַרוים פון לבנהשן קרייז
אַן אוראַלטער, געטלעכער גרייז,

טוט א זאָג אַזאַ שפּרוך — און צעשטראַלט
פונם שטיין טיילט זיך אָפּ א געשטאַלט:

א רייטער אויף שוים־ווייסן פערד
לאָזט זיך וואַנדערן איבער דער ערד.

דורך סטעפּ און דורך ווילדערניש רייט
אַקעגן אַן אַנדערער צייט.

ביז סע וועט אין געפּויק פון די קלאַ
זיך דערהערן: „דערגרייכט שוין די שעה!"

נאָר וואו ער קומט־אָן און געפינט
א ישוב — צערינט ער, פאַרשווינדט.

ער וואַנדערט אַרום דאָ־און־דאָרט —
און שטייט אויף דעמזעלביקן אָרט...

אים דאַכט, אַז דאָס פערד אויפן לאַן
און ער — איז נאָך גאָרנישט פאַראַן:

„איז לאנג נאָך צו וואַרטן דעם רוף
אַריינצוגיין ווידער אין גוף?

דעם גרייז, פונם שלאָף אים דערוואַכט,
האָט ער דאָך אַליין אויסגעטראַכט...“

און איידער די זון נאָך באַטרעט
די שוועל פון „נאָך קיינמאָל ניט שפּעט,“

דער רייטער אין „אייביק אַליין“
מיט געוויין גייט־אַריין אינם שטיין.

דער אָדלער

וואָס חלומט דער אָדלער
אין זיין געפענקעניש?
ער זעט ווי עס גייען פארביי
די טעג אים אין בענקעניש,
„צי וועל איך נאָך זיין אמאָל פריי,
באגלייטן די זון אין איר גאַנג?" —
גליט זיין פארלאנג.

און עס טרויערט דער אָדלער: — „פארוואָס
און פארוועון אזא צאָרן?
נישט בעסער דער גיפט פונם דאָרן
ווי מקנא זיין די פייגעלעך — שנעקלעך,
וואָס קומען דאָ קלייבן די ברעקלעך...
אָ, ווען מיר זאָל עס גליקן
די נעץ פון מיין תפיסה צעפליקן,
פון וויסטיקן פלען זיך באפרייען.
די שאַנד און די שמאַך צו פארגעסן
און מיט יובל-געשריי זיך א מעסט טאָן
מיט שטורעם און ווינט, און דערגרייכן
נאָך איינמאָל די היימישע הייכן,
און פון שטורעם און קראַך אָן אנטציקטער,
פאַלן, פון בליץ א פארציקטער,
מיט גרוס צו דער זון, דער פארגאנגענער!

ווי קאָן עס פארשטיין דען מיין פאנגער,
אליין ביי דער ערד א געפאנגענער?"

די בערג

די בערג אינם זונענפארגאנג
אין רעגנבויג־פארבן זיך מינען.
נאָר דער, וואָס איך זע אים אצינד
אין שיינקייט, וואָס ער טוט דערזינען,

אויך דאָ איז אין יעטוועדן ריר
און צאפל פון מיינע גלידער,
אין זוניקן טעם פון דער פרוכט,
אין ריטם פון מיינע לידער.

ער טראָגט, ווי א שטויבעלע מינדסט,
די ערד אויף זיין שטראליקן פליגל.
דאָך קאָן ער קיין רגע נישט זיין
אָן מיר, ווי א קינד אינם וויגל...

און ווען איך פאל כורעים פאר אים
מיט אנגסט און מיט אומגליק באלאָדן,
זינגט ער שירה צו מיר אינדערשטיל
און לויבט מיך פאר מיינע גענאָדן...

מיין טראכט איז פון פורפל

מיין טראכט איז פון פורפל און גאָלד,
פון דימענט דער הערב אויף מיין אָרעם.
דער ליץ, וואָס פארוויילט מיין געמיט,
פאָלגט מיר נאָך, ווי א הונט, אין מיין טורעם.

עס שפרייטן מיט רויזן פאר מיר
די וועגן בלאָנד-לאָקיקע פרויען,
איעטוועדע גרייט אויף מיין וואונק
אין ליבע צו מיר זיך פארטרויען...

בין אייביקער חתן ביי זיי.
יעדע נאכט טוט מען פראווען מיין האָכצייט...
און מיר דאכט: שוין פארגעסן האָב איך
מיין אייגענעם שטאָם און זיין יאָך-צייט.

נאָר אָפטמאָל אין סאמע דעם גלי
פון תענוגים, צום קלאנג פון די הארפן,
צאַפּלט-אויף פאר מיין זוניקן בליק
דאָס געשטאָלט דיינס, דאָס פיינלעכע שארפע.

טיף-געבויגן, מיט שטאָק אין דער האנט,
מיט בטחון געגורט דיינע לענדן,
די באָרד, צעבלאָזן אין ווינט, —
דו שפאנסט אליץ צום לאנד פון לעגענדע...

דיין פּנים — פאַרבלייכט. נאָר אין בליק —
עס טליען פון אייביק די פינקען,
דערזע איך זיך דאַן ווי געמיין
און נידעריק איך בין געזונקען...

עס ווילט זיך צעטרעטן אין שטויב
דעם גלאַנץ פון מיין קרוין, מיין פאַרמעגן,
גיין וואָגלען מיט דיר ביי דיין זייט
אויף שטילע, פאַרבאָרגענע וועגן.

ליד וועגן גואל

דער וואונדיקער זיפץ פון א ליד
רופט זיך איבער מיט זיפץ פון א צווייטן,
אזוי לאנג ווי אין תפיסה פארלאָזט
איז דער גואל, געשמידטער אין קייטן.

ווי עלנט ער איז און פארשוועכט,
איז ער נישט פארזונקען אין טרויער.
צו יעדן שאָרך פון אהינטער דער טיר
הערט ער ציטריק זיך איין מיט זיין אויער.

ער ווארט ווען עס קומט־אָן א טאָג —
א מורד און עפנט דעם ריגל.
דאן גייט ער ארויס אויף דער פריי
און טוט א צעשפרייט זיינע פליגל,

און מיט ברייטן און מעכטיקן שוואונג
ער טוט זיך א הייב אין די הייכן.
און וואָס אייביק געוועזן אים פארווערט,
איז איצטער אים לייכט צו דערגרייכן.

דעם חושך פון אונדזער געדאנק
ברעכט זוניקער בליק פון דערלייזער.
זיין חלום ווערט ליכטיקע וואָר;
די וואָר — בלויז א חלום, א בייזער.

דער יינגער מצבה-קריצער

ער זיצט און ער האקט דעם מצבה-שטיין.
ס׳רעגנט מיט שפּליטער פון אונטער זיין דלאָט.
נאָר דאָס מיידל, אין אָוונט באַגעגנט,
טרעט נישט אָפּ פון זיין רעיון קיין טראָט...

די ברוינע האָר, די געשליפענע ליפּ,
די שלאַנקע פיגור אין די אטלאָס-געוועבן...
ער קלערט: „עך! ווען ארבעט וואָלט זיין נאָר גענוג,
געקאָנט וואָלט׳ן מאכן א לעבן...

וויפל א שטיינער באדארף ער אויסקריצן שטיינער א חודש,
כדי זיך צו האָבן אן אלקער, א בעט און א שטול?..
און וויפל דערנאָך... ווען ער ווערט א טאַטע?..
און שפּעטער... ווען קינד דארף באזוכן א שול?..”

און ביז ער דערחשבונט זיך נאָענט צו זיקנה,
עס קומען שוין אייניקלעך, זעט נישט דער גולם:
זיך מיענדיק אזוי מיט דער דלאָט אין זיין האנט —
אויסגעקריצט מצבות, א גאַנצן בית עולם...

דעם לעצט-לעצטן שטיין פאר אים אליין
וועט קריצן מסתם זיינע קינדער׳ס א קינד.
דער טאָג וועט זיין שיין ווי אָט איצט. און דער יינג
וועט טראכטן דאָסזעלבע, וואָס ער טראכט אצינד...

די וועלט — א ראָד

די וועלט — א ראָד,
און איך — די אקס.
נאָר אין דעם נישט
אריין איך וואקס...

מיין טרוים אין נויג,
פארלאָזט מיין אויג,

נאָך וואנדערט אלץ
אין קאראהאָד,
כאָטש אָפּגעשטעלט
האָט זיך די ראָד...

און דאָך

און דאָך וועט גינסטיק זיך א וווּנד טאָן
דער קאַמף פאר פרייהייט אויף דער ערד.
איין שיינעם טאָג, און ס'וועט א בלענדט טאָן
משיח אויף זיין ווייסן פערד...

ס'וועט א יום-טוב זיך צעשטראַלן
פון אייביק ליכט... נאָר מיר טוט לייד
פאר דעם, וואָס וועט אין שטורעם פאלן
און נישט דערלעבן זען די פרייד...

צוקונפט

פון נויט געכאַוועט און פון לייד,
ווי פרעמד איז דיר די נייע פרייד,
און אומבאַקאַנט די פרעמדע רייד...
און כאָטש אין גאַנג פון שטערן־בליט
געזוכט א שפור פון צוקונפט׳ס טריט,
א לעבנלאַנג צו׳ן איר געשטרעבט. —
נאָר וואָלסטו נאָר אדורכגעלעבט
איין רגע פון דער צוקונפט׳ס גליק:
עס וואָלט די רגע דיך פארציקט...

דאָס ליד, וואָס מאָנט

דאָס ליד, וואָס מאָנט פאַר הונגעריקן ברויט,
אַנטשטומען וועט צוזאַמען מיט דער נויט.
דער אומרו פונם וועכטער, זיין פאַרדאַכט —
פאַרשווינדן מיט די שאָטנס פון דער נאַכט.

און אין אויסשטראַל פון דער חכמה, אין איר קרייז
וועט שלעכטיקייט צעשמעלצן זיך ווי אייז...
נאָר אייביק, אומפאַרענדערט וועלן בערג און טאָלן
אין פאַרבן־פלירט פון וועלק־און־בלי זיך מאָלן,

און די לבנה מיט איר שמייכלענדיק געזיכט
וועט אַלץ נאָך זינגען אונדז איר ליכט —
מיסטעריע פון די שטערן־וועלטן אינם רוים...

און לייכטן וועט נאָך אַלץ אָן ברעג
די זון, וואָס אויף דעם פּילם פון די טעג
גייט־אויף — פאַרגייט, א גליענדיקער טרוים...

א פּליט

אין הארבסטיקן פעלד
א פליט זיצט אויף א שטיין.
ביי זיינע פיס
א מחנה הינט
מיט דאַרשטיקע אויגן
היטן זיין יעדע באוועגונג...

אז סקומט-אָן דער אָוונט,
נעמען וואקסן די הינט,
צעוואקסן זיך אין פעלדזן-בערג,
וואָס רייסן זיך מיט זייערע שפיצן,
ווי געשרייען, צום הימל.

איבער זיי
קריכט-ארום, א פארבלוטע,
די לבנה...

מלאך מכאל

פון די תפילות, געבעט, און די טרערן,
דורך יאָרן פאַרזייט אינם שטיין —
אַרויסגעשפּראָצט אַ בלום...

קומט מלאך מכאל,
פּליקט־אָפּ די בלום,
און אָנשטאָט זי ברענגען פאַר גאָט,
לאָזט ער זיך אַוועק צו'ן אַ מסיבה...
גייט מלאך מכאל אויפן וועג
און די בלום וואַקסט אין זיינע הענט,
צעוואַקסט זיך ביז אין די וואָלקנס.
און שלינגט אים איין.
און ער, מלאך מכאל
קריכט אַרום אין אירע פּעטאַלס,
אַ קליין, קליין מילבעלע...

אַ חלום

איך האָב געהערט אין חלום:
אַ מלאך שפּילט אויף אַ לבנה־פידל.

דער ליכטלינג איז געשטאַנען פונדערווייטנס
און קוים באַרירט די ערד מיט זיינע פיס.
און ווי ער שפּילט אַזוי פאַנטאַסטיש,
פילט־אויס איעדער רגע
מיט הימלישע ניגונים,
נעמען שלענג זיך שטרעקן פון די ספערן
און וויקלען זיך אַרום דער ערד
אין פייערדיקע רינגען...

און ווען ער זעט,
איך ליג פאַרטאַיעט אין מתיקות
פון ווערן אָט — פאַרברענט,
לאָזט ער פון זיין האַנט אַרום די פידל,
וואָס פאַלט, אַ זינגענדיקע, צו דער ערד
און לעשט זיך אויס
צוזאַמען מיט די שלאַנגען...

שטערן־לאַנדשאַפט

ערשטע זון פאַרלוירן האָט דער טאָג,
אַוואו די צווייטע ווערט געבוירן.
און דאָרט, אַוואו געבוירן ווערט די ערשטע —
האָט צווייטע זון דעם טאָג פאַרלוירן...

פעלדזן־שפּיצן, אָנגעטרונקענע מיט ליכט,
צעשיינען זיך פּאָספּאָריק אין דער פינצטער...
טייכן גיסן זיך אַריבער די ראַנדן
פון בעכער־בערג,
זיי הילנדיק אין וואַסער־וואַלן.
בלומען בליען־אויף מיטן אויגנבליק,
צו פאַרוועלקן ווידער אין פרימאָרגן.
פון הינטערן האָריזאָנט
יאָגט־אָן אַ מאָדנע ליכט:
אַ קראַנץ לבנהס, רעגנבויגפאַרביקע,
איינס אַרום דעם צווייטן קרייזנדיק,
גייט־אויף פון הינטער בערג...

און קיינער, קיינער דאָ נישטאָ איז
צו באַוואונדערן די שיינקייט...

די וואזע

די וואזע אויפן ראַיאל:
איר געשטעל —
גילדערנע:
דריי געוויינען און געלעכטערס דריי.
און נימפעס זעקס, — דימענטענע גייסטער, —
שטייען אויף יעדן געוויין און געלעכטער
און טראָגן דער וואזע'ס בלויהימלדיקן גוף
אין א טאַנץ.

זייערע קערפּערס אין עקסטאַז
פאַרבראָכן אויף צוריק;
די האָר — פלאַמען אין ווינט:
און זייער בליק, האַלב-געשלאָסן,
גליט און שמייכלט אין א תאוודיקן דרימל...

די וואזע דעמערט נאָכן ריטם פונם זונאויפגאַנג;
נאָכן ריטם פון זונפאַרגאַנג טאָגט זי, די וואזע.
ווען זון אין מערב ראַנד אָן ראַנד טוט נאָר א צאַק,
צעיאָמערט זיך אַן עכאָ אין דער וואזע
און פאַרגייט זיך אין א הודען פון א גלאָק.
ביז לעצטער שפור פון זון זיך פעלט.
און אז טאָג צאַנקט-אויס מיט יעדער רגע,
גיסט זיין ליכט זיך איבער אין דער וואזע,
פונקט ווי אין לבנה...

זיבן-פאַרביקע ליכט-שאָטנס
ווערן געבוירן מיט די אקאָרדן פון ראַיאַל,
וואַנדלען אין פאַנטאַסטישן געשען
און שטאַרבן אין דער וואזע...

ציִרק־מיידל

איך האָב א פאַרדאַכט,
אַז די לייבן זענען פאַרליבט אין דיר...

איך האָב געזען זיי
אַרויסקומען אויף דער אַרענע
מיט די קעפּ געשטרעקט
אין פיינלעכן רוף פון בענקשאַפט נאָך דיר...

זיי האָבן זיך אָנגעקלייגט ביי דיינע פיס,
ווי צום שוץ פון געפאַר דיך...

א קנאַל מיט דער בייטש —
און זיי שפּרינגען־אויף פירטערלעך און מעכטיק,
גרייט דיך צום פאַרציקן.
נאָר געפאַנגען פון דיין שיינקייט,
נעמען זיי פאַר ליב די בייטשן־ברי
און פאָלגן אונטערטעניק דיינע קינדערישע קאַפּריזן...

א וואַלקן

פון הינטערן מערב,
ביים הארבסטיקן זונפארגאנג
וואקסט און צעוואקסט זיך
א וואַלקן — אן אָרגל,
מיט זילבער־קארניזן...
עס זיצט דאָרט א נימפע,
די האָר אין געוויכער,
און איבער קלאווישן
בליצן די פינגער,
וועקן דעם שטורעם
אין ברוסט פון פּאָסיידאָן
מיט דונער־אקאָרדן...

די וואָלקנס אינם זונפאַרגאַנג

די וואָלקנס אינם זונפאַרגאַנג
צעהאָנגען ווי מיראַזשן.
אָט קומט אַרויס אַ קיניגן
און הינטער איר צוויי פּאַזשן.

די קיניגן פאַרברעכט די הענט —
זי האָט די קרוין פאַרלוירן,
איר לאַנגן שלעפּ צוזאַמען מיט
די פּאַזשן אָנגעוואוירן...

ווי שטיל־פאַרבענקט עס ווערן איצט,
אַ עמק, דיינע וועגן!
עס קאָנען מיינע טריט ביים כביש
צו דיר זיך נישט דערפרעגן...

פון צווישן ביימער, מיך דערשנאַפּט,
ווערט נישט־געדאַכט אַ פּיקסל.
און ביי אַ בייט פון בלומענקרויט
זיך מיט — אַ יידיש שיקסל...

— אַ זאָג נאָר, טעכטערל, ווי ווייט...
זי קוקט מיך אָן מיט חידוש
און ענטפערט חנעוודיק־פאַרשעמט:
„איך נישט פאַרשטייען יידיש."

יידיש

יידיש איז מיין ליכט־קוואַל.
פול שעפּ איך אָן מיין לאָגל,
ווען פון דעמער צו אויפטאָג
ליגט אָפן דער שליאַך פאַר מיין וואָגל.

יידיש לשון איז דער חן פון מיין פּנים...
מיט יידיש ווער איך תּמיד יינגער...
יידיש איז דער דופּט פון מיין גומען,
רעדט־אַרוים פון מיינע אויגן,
און פּערלט זיך פון אונטער מיינע פינגער...

יידיש — דער נר־תּמיד פון מיין פאָלק'ס נשמה,
דער שייער פאַר זיין חכמה, לייד און לידל.
ווי ליב מיר זאָל נישט זיין די קלאַנגען פון דער האַרף,
אָ יידיש, ליב און טייער איז דיין פידל...

טורעם בבל
(סאטירע)

טורעם בבל

מיט פּנימער צעקרומטע און אָדערן — בייטשן,
דורך טאָג און דורך נאכט, אין רעגן, אין שטורעם,
מיר שטייען זייט טויזנטער יאָרן פארזונקען אין מי —
מיר בויען א טורעם.

וואָלט געקאָנט אונדזער טורעם דאָך זיין א פּאליי —
פון פּאלייען דער שענסטער:
די ווענט — מאלאכיט, די געזימסן — פון גאָלד,
און רעגנבויגנדיקע פענצטער.

און זאָלן פון עלפאנטביין, איידל־געשניצט,
און הויך זאָל אין הימל זיין קרוין זיך צעבלאנקען...
קומט־אָן דער שטן מיט בייזוויל און שפּאָט
און צעמישט, און פארדרייט די געדאנקען.

און מענטש איז נישט קיין מלאך. א ניין!
זיינע עלנבויגנס — נישט קיין פליגל.
זאָגט איין ברודער צווייטן: „דערלאנג מיר א ברעט",
גייט ער און ברענגט אים ציגל...

און קיינעם פון אונדז לויכט נישט אויף דער געדאנק,
אז ס'האלט אונדז דער שטן אין קלאמער.
זאָגט איין ברודער צווייטן: „א נאָגל דערלאנג",
דערלאנגט ער אים א האמער...

און מענטש איז נישט קיין מלאך. אַ ניין!
זיינע עלנבויגנס — נישט קיין פליגל.
געדויערט נישט לאנג און אַנשטאָט צום בוי
הייבן־אָן פליען אין קעפּ די ציגל...

ראנגלט זיך מענטש מיט מענטש און די דורות פארגיין
אין בלוט און אין פּיין און אין וויסטן געווימל.
און דער טורעם שטייט אלץ נישט פארענדיקט און קלאָגט:
„אַנשטאָט אייער שטאָלץ, בין צו שפּאָט קעגן הימל!"

דער אָקס

דער אָקס האָט דערקענט דאָס ליכט פון פרימאָרגן,
שטייט ער רואיק אין שטאַל, ווי תמיד — אָן זאָרגן.
זיין ווײדל פירט העפטיק א קריג
מיט א פליג.
ער שטרעקט־אויס זיין מאָרדע געשפאַנט,
פּרוּאווט מיט דער צונג א לעק טאָן א שטראַל אויף דער וואַנט,
וואָס די זון שיסט־אריין, דורכן פענצטער.
דערמאָנט זיך אָן דפנה׳ן, זיין שענסטער:
„ערשט קוים פון דער קינפעט... איר קליינס,
דאָס קעלבעלע — אזא שיינס.
וועט זיין א יאטל פון יאטן.
אינגאנצן געראָטן אין טאָטן...״
כאפּט אלעמאָל א קוק הינטערווײלעכטס:
„ווי דערלעבט מען שוין עפּעס פריילעכס:
סע טוט זיך א יאווע ר׳ רחום צי זיין פלוניתטע באַשע
און מען פירט מיך ארויס אויף דער פּאַשע...״

נאָר זיינע אויגן דערזעען מיט שטוין:
אויסגעוואָקסן נעבן אים שטייט א מאָדנער פּארשוין.
די הענט אין די טאַשן, באטראכט אים גאנץ מעסיק:
„וואָס זאָל עס באדייטן? עפּעס נישט גלאטיק דער עסק.
זעט מיר אויס גאָרנישט סימפּאטיש... היתכן?..
ווייסיכוואָס! אָן אָקס דאַרף האָבן בטחון...״

ערשט ווען סע פירט אים דער יינג אויפן זייטיקן וועג,
דערמאָנט זיך דער אָקס: „אָ ווײפל מאָל — טעג,
אז איך האָב א ברודער באגלייט אהער מיט מיין בליק,

און איז מערנישט געקומען צוריק...
אך, צום טייוול. וואָס פאר א נישגיטע!
ניט שוין-זשע, רבונו של עולם, שמעקט דאָס מיט שחיטה?..

דאָס הארץ פאלט אים איין. די קני ברעכן זיך אונטער.
דער אָטעם אָפגעהאקט. און די אויגן, ווי צונטער,
זוכן וויינענדיק אין דער ווייט:
„פונוואנעט קומט די רעטונג ווייל ס'איז נאָך צייט?
אפשר א שטויס טאָן דעם רוצח, דעם ווערגער, —
צי וועל איך נישט אָפשניידן ערגער?
אָ ביטער, ס'איז ביטער. געציילט די מינוטן.
אפשר פראָבירן מיט גוטן?
מסתם אן אויפגעקלערטער... צי גאָר אָרטאָדאָקסיש...
וואָס טוט מען אָבער, ער פארשטייט נישט קיין אָקסיש!
יאָ, מיין הילף — נאָר איין גאָט, וואָס אין הארצן איך פיל אים."

און ס'הייבט-אָן דער אָקס א קאפיטל אָקסישן תהילים:
„אָ גאָטעניו פאָטער, איך רוף צו דיר אין מיין נויט.
ארומגערינגלט האָט מיך דער טויט!
און וואָס וועט זיין מיט דפנה'ן, מיין ליבער,
און דאָס קעלבעלע, אויף וועמען לאָז איך זיי איבער?
אך, דאָס פיצל... געהערט אליין זאָגן ר' נחום:
סע וואקסט א קעלבעלע — א חכם!
פארנעם-זשע, גאָטעניו, מיין געבעט.
זאָג, פאר וואָסער א חטא
ארויסגעטראָגן אויף מיר אזא גזר?
צי נישט בלויז דערפאר,
ווייל דעם צוויפיסיקן, קרומען
בין איך געשמאק אויפן גומען?...
טו-אָפּ פון מיר די שטראָף פון אלדי רוחות
אין זכות פון מיין קידוש-השמיקן יחוס..." —

טענהט אלץ דער אָקס, נאָכפֿאָלגנדיק בלינד,
און אומבאהאָלפֿן ווי א קינד
דעם יינג אויפֿן וועג צו דער בוינע.
ביז סע דערזעען זיינע צוויי ברוינע,
אז ס'האָט דער וועג צו דער שחיטה אפֿילו
נישט געקלעקט פֿאר זיין תּפֿילה...
און שטיל, און שאַ
אויסגעגאנגען אונטערן חלף מיט א שמע...

מורעשקעס

(געדאנקען פון א פויער)

א

די מורעשקעס,
וואָס קומען צו גאסט אין געצעלט,
לויפן אויף זייער שטעגל אהין-און-צוריק,
ווי די אויטאָס איבער שטאָטישע גאסן.
זיי קומען ארויף אויפן טישל,
וואו זיי אייען גאנץ באלעבאטיש ארום.
זוכנדיק א ברעקל...

טרעפט זיך:
א מורעשקע פארבלאָנדזשעט צו מיר אויף מיין אָרעם...
זי בלייבט שטיין אין פארלעגנהייט,
זיך איינהערנדיק אין דעם ריזלען פון מיין בלוט
און ציט זיך דערשראָקן צוריק...
און דאָס ברענגט מיך אויפן געדאנק,
אז אויב איך וויל,
איז זייער לעבן ביי מיר אין די הענט...
און דאן דערפיל איך אן עקל צו זיי...
„דאָס קלייבן זיי שפייז אויפן ווינטער,"
קלער איך:
„און דאן, ווען די שטורעמס וועלן בושעווען,
וועלן זיי אין די אונטערערדישע פאלאצן זייערע
אָנצינדן ליכטער
און זיך נעמען פראווען מסיבות,
זיך לאָזנדיק וואוילגיין
מיטן אל-דאָס-גוטס פון זייערע אמבארן..."

און פּלוצים פאַלט מיין פויסט — אַ דונער אויפן טיש,
און מיינע ליפּן צעבלאָזן אַ שטורעם
און די מורעשקעס פליען אַראָפּ אויפן דיל...
און דאַן נעם איך זיי טרעטן מיט די פיס
און פאַרניכטן...

און די מורעשקעס,
וואָס ראַטעווען זיך פון אונטער מיין טראָט,
אַנטרינען אין זייער אונטערדרערד
און טוען תפילה צו מיר,
מיינענדיק, איך בין זייער אַלמעכטיקער גאָט,
טוען תפילה,
איך זאָל איינשטילן מיין צאָרן...

ב

איך בין דער גאַט פון די מורעשקעס.
פאַרוואָס טאַקע נישט?
איך האָב זיי דערוויילט פאַר מיין פאָלק
און מיין פעלד זיי אָפּגעגעבן פאַר א נחלה,
און באַצווינגען, זיי זאָלן זיך פרוכפּערן און מערן,
ווי זאַמד...
און ווי שטערן...
איך האָב זיי געבענטשט מיט חכמה און פּליים
און זיי מיינען, אַז איך טו זיי א טובה דערמיט...
דאַנקען זיי מיר מיט תפילות און תעניתים
און לויבן מיך ביזן הימל...
נאָר אַז ס׳קומט־אָן דער פּרי־האַרבסט
און איך נעם זיך צעאַקערן מיין פעלד,
איז אָך־און־וויי די מורעשקעס...
דערמלט גיי איך נאָך דעם אַקער,
איבערקערנדיק די גרודעס ערד
מיטן בויך אַרויף
צוזאַמען מיט זייערע נעסטן,
און דעק זיי אָפּ פאַרן פּנים פון דער זון...
און די מורעשקעס, אומגעריכט־געטראָפענע,
שווינדלען־אַרום אין בהלה,
פּרוּאוונדיק ראַטעווען וואָס סע לאָזט זיך,
דערהויפּט די אייעלעך — זייער קומענדיקן דור,
וועלכן זיי טראָגן־אַרום אין זייערע מיילער,
נישט ווייסנדיק וואוהין...

לארץ הצבי

אָ לאנד מיינס, נישט קיין הירש ביזטו,
ביזט גיכער ענלעך צו׳ן א קו,
וואָס גייט־ארום מיט אייטערס פולע
און רופן רופט מען זי „גאולה״...

ווער ס׳אקערט פעלד און גרייט די פאשע
און וואסער האָט דערפון אויף קאַשע;
און וועמענס וועג געשפרייט מיט נעלקן
און ווייסט נאָך איינס: גאולהן מעלקן...

נישט די וועלט

נישט די וועלט איז פארשאָלטן, איז קראַנק.
נאָר פארלוירן האָט איר דעם געדאַנק.
דעריבער די וועלט — אייך א שטייג,
וואו געפאר בלויז און אומגליק באַגלייטן.

ווי ס׳טוט זיך דער האס א צעצווייג
און מיט ווילדער רציחה
וואַרפט איר זיך איינס אויפן צווייטן,
ווען איר מיינט, אז א ביסן
וואַרפט דער שטן אייך צו אין דער שטייג!
דערנאָכדעם: צעביסן, צעריסן,
איר קוקט זיך ארום און דערזעט —
א פייג...

איעדן פארנאכט

איעדן פארנאכט,
ווען עס לעשן זיך די טריט פונם זונפארגאנג,
זע איך אים, דעם אלטן
אויפן עלנטן שטעגל מיט זיין בולדאָג שפּאַצירן.
דער מעכטיקער בולדאָג
שפּאַנט מיט עלאַסטישע טריט, א שטאָלצער, פּאַראַדיר
און דער אלטער, אן איינגעהויקערטער,
גייט אים נאָך ווי א הונט...

געשיידט האָט א פּרוי זיך

געשיידט האָט א פּרוי זיך
מיט צייט און מיט אָרט
און אין קבר מיט זיך
מיטגענומען א וואָרט —

אַן ענטפער אויף פראַגע:
„יאָ, אָדער ניין?"
און יאָרהונדערטער אויס,
און יאָרהונדערטער איין

עס פּיקט אין דעם מוח
פון וועלט ווי א קראָ
די גורלשע פראַגע:
„ניין?" אָדער „יאָ?"

און וואָלט געווען: „יאָ," —
ווי וואויל אונדז און גוט, —
געבענטשט וואָלט געווען דאָ
איעדע מינוט...

און אויב עס איז „ניין,"
איז מילא... איז נו...
אבי זאָל דער שד
נישט פרעסן די רו...

צאַפּלט די וועלט זיך,
געפינט זיך קיין אָרט,
און אלץ וייל די פּרוי
איז אוועק מיטן וואָרט...

אין דעם לאנד פון נויט און יאָך

אין דעם לאנד פון נויט און יאָך,
וואו סע הערשט דער קיניג „נאָך",
איז געווען א גרויסער הונגער.
ס'האָט די נויט גענומען שטיקן.
נישט געווען איז וואָס צום פּיקן,
סיידן נעם און זייג די פינגער...

איינמאָל אין אן איפּדעוואָך
הייבט זיך אויף דער קיניג „נאָך", —
יאָ, כ'דערמאָן זיך: „נאָך דער שיינער,"
אזוי פלעג מען דאָרט אים רופן, —
פרעגט די הויפליט וואָס זיי שלאָפן
אין א צייט, אזא געמיינער...

הייסט דערלאנגען זיך פאפיר.
טוט דערויף די פען א פיר —
אזא רוף צו די סאָלדאטן:
„וואָס־זשע שווייגט איר נאָך אצינדער,
מיינע ליבע, טרייע קינדער,
אוי, א רוח אין אייער טאַטן!

נעמט איר נאָר געווער אין האנט,
קומט איר תיכף אין א לאנד,
וואו מען קאָן זיך אלץ דערלויבן.
ווער ס'איז נאָר א גוטער עסער,
פליען דאָרט אים גלייך אין פרעסער
פריש־געבראָטענע, די טויבן!"

זאמלען תיכף זיך ביים ראנד
פון אָט־דעם געגארטן לאנד

זעכציק טויזנט מאַן — סאָלדאַטן.
גראָבן גריבער אוים אַזוינע.
און אונטערן נאָז ביים שונא
נעמען לאָדן די האַרמאַטן...

גייט דאָרט אָן א גרויסע שלאַכט
זיבן וואָכן מיט איין נאַכט,
ביז סע טרעפט א קלאַנג, א מיאוסע
זעכציק טויזנט מאַן — סאָלדאַטן
(פיינע אָרנטלעכע יאַטן!)
און זיי ליגן שוין אין גסיסה...

ליגן זיי און זשיפּען קוים,
קומט צו גיין צו זיי א טרוים:
אויסגעזעצט ביי טישן גרויסע,
ווי אין גאָרטן ביי דעם טאַטן,
עסן זיי סאַלאַט, און „בראַטן",
און זיי מאַכן דאָרט א קויסע...

און דער קיניג „נאַך" אליין,
אויסגעפּוצט אין קליידער שיין,
מיט א שמייכל, א פאַרשטאַרטן
גייט-אום צווישן „זיינע קינדער",
פרעגט איעדערן באַזונדער:
„ביזטו נישט אין לאַנד, געגאַרטן?.."

און דערשלינגענדיק דעם בים,
שטעלט זיך אויף אויף זיינע פים
יעדער איינער אונטערטעניק,
און מיט א סאַלוט דערקלערט ער
קלאָר און שאַרף די פינעף ווערטער:
„יאָ, געוויס. מיין גרויסער קיניג!.."

דער גראַפאָמאַן

דער יינגערמאַן,
וואָס איך באַשרייב אים דאָ — אַ גראַפאָמאַן,
אַנטוויקלט אין זיין פאַך, צעבליט...
איך נעם מיך דאָ נישט אונטער זיין אַ ריכטער.
נאָר אויב איינעמס פּייאַקייטן מעסטן לויט זיין אַפּעטיט,
איז ער אַ גרויסער דיכטער...

שטייט גערן צו, אַ שיתוף, צו'ן איעדן שרייבער,
האַלט זייער פון „שלך—שלי" איז נישט קיין איבערקלייבער...

ווערסט מיר אַנטשולדיקן, מיין לייענער, וואָס איך באַמי דיך:
זיין „ציל אין שרייבן" איז אַ רייכער שידוך.
זיין ווייבל און זיין ווילע מוזן זיין גאָר פיינע.
איז מילא. מ'קאָן צו'ן אים נישט האָבן דאָ קיין טענה...

נאָר חוצפּה און סנאָביזם ער פאַרמאָגט אַ היבשע דאָזע.
אָט שפּרינגט דאָס יענעם אין די אויגן ווי אַ קאָזע
און אָט אַ שטעל אוועק זיך גאָר אין נאַפּאָליאָנ'ס אַ פּאָזע...

גלויבט, אַז מיט זיין יעטוועדן געזאַנג
ראַטעוועט, לכל הפּחות, אונדזער וועלט פון אונטערגאַנג,
אַז גאַרנישטאָ צו'ן אים קיין צווייטער,
אַז פריער אָדער שפּעטער
אויפגיין וועט זיין רום צעהעלט,
קלינגען וועט מיט אים די וועלט...

טוט די שאלה אים א טאָרע:
„שעקספּיר, איך, און בײראָן, און טאַגאָרע —
ווער פון אונדז איז גרעסער?"...
לײענט, לײענט אונדזער שרײַבעריסט
די לידער זײערע און ער באַשליסט:
„זײ קאָנען טאַקע אויך... נאָר מײַנע זענען בעסער"...

פון א בריוו

די קלאָגסט זיך: „אויף דער זיקנה אליין געבליבן,
פאַרוואָס אַזוי לאַנג ניט געשריבן,
געוואָרן אַזוי קאַרג אין דיין תל-אביבל,
אַן אַלטן טאַטן צו דערפרייען מיט אַ בריוול".
ווייסטו דאָך: אויף אונדזער וועלט שוין ווידער יום-טובדיק און פריילעך,
ווידער קלייבט מען זיך דעם וואַן צו קרוינען פאַר אַ מלך...
און איך קלער אַליין: גיי ביים ביז בלוט די ליפּ, פאַרשוויג עס...
היינט די סטרא אחרא און די דאגות...

דו פרעגסט ווי גייט מיר אין מיין דיכטונג. —
מיין ליד נאָך אַלץ נישט צוגעקלעפּט זיך צו'ן אַ ריכטונג...
איך האַלט, אַז סיי אין גראַם און סיי אין פּערז, אין ווייסן,
דאַרף מען שמייסן דעם, וואָס קומט צו שמייסן,
און ליבן דאַרף מען אַלץ, וואָס ליב און טייער...
איך קאָן נאָך אַלץ נישט גיין אויף שטריק צי שלינגען פייער...
אָט ווי מיינס אַ „ליבער פריינט" במשך פון זיין דאָען,
וואָס וואָלט באַדיי דאָס העמד פאַרזעצט אַבי צו זיין אַ גאון...
אגב, שטאַמט ער פון רבנים-יחוס,
אויב איך האָב קיין טעות נישט... און אין זיין דיכטערישער שליחות

קאָן אַ האָר צעשפּאַלטן דיר אויף צווייען
און באַזינגען די פאַריאָרעדיקע שנייען...
די אַלטע צפת ביי אים, די מורעשקעס, די קורדן —
אַלץ אויסגעקליגלטע אַבסורדן...
אַנשטאָט אַליין צו ווערן דאָ אַ פּסוק פון תנ"ך,
זיך פּאַשעט אויף זיין פלאַך

און מעלה־גרהט דאָ־און־דאָרט א גרעזל,
און ציטערט פארן קלענסטן ווינטל ווי א העזל...
האָט תמיד זייער אָן אָפּענע האנט
צום נעמען... און א נטיה צו דער מזרח־וואנט...

דאָס אלץ. איך גרוס דיר הארציק. אויך מיין חבר סראָל
גרוסט דיר. ער, נאָך אלץ ווי אין די אלטע טעג אמאָל,
ווארט, אז גאָט זאָל אים אראָפּשיקן א נס
דירעקט אויף זיין אדרעס...

אינהאלט

אין זוניקן הי

מיין קאָפּ שוועבט
דורכן פענצטער פון דער באַן 9
הדרה 10
רמת־גן 11
נתניה 12
רחובות 13
זכרון־יעקב 15
ירושלים 17
תל־אביב 18
חיפה 19
חיפה 23
יב המלח 25
פארטאָג אין דאָרף 27
מיטנטאָג 29
דער טאָג נייגט זיך צום פארגיין 30
אָוונט 31
דאָס ליכט פונם טאָג 32
דער נאָוועמבער־טאָג 33
נאָך טעג, נאָך שווער־באַלאַדענע 35
מיר זענען היינט פארטאָג 36
צו חדרה 38
ס׳איז אַלץ נאָר צום באוואונדערן 39
דו ביזט א דיכטער 40
א דאַך 41
א ברונעם 43
א פּינטעלע 46
עמק־יזרעאל 47
ים, ים, ים 50
אויפגעבליט האָט היינט דער מאָרגן . . . 52
חפצי־בה 54

פארוואונדעטער ניגון

ישמעאל (פּאָעמע) 57
ווי לאנג דור נאָך דור 60
איינזאם און עלנט 61

און ווער וועט בויען 62
איר, איינזאמע בערג 64
דער פארוואָגלטער פרינץ 65
אליהו און אחאב 66
מיין ליד 68
א זון אין פארגאנג 69
א בעטלער 70
איעדן פרי 72
ארבעטסלאָזע 73
א קינד׳ס געוויין 74
א יינגעלע 75
דאָס ליד אונטער האנט טוט א צאפל . . 76
א פארמאטערטער, מידער 77
צום ארבעטער 78

ש ק י ע ה

טרויבנצייט 81
אין א טאָג פון סופזומער 83
קטיף 1940 85
געשרייען 87
פרילינג 88
מיין קאָפּ 89
באלאדע וועגן א שטעטל אין פוילן . . . 91
באלאדע וועגן פויער 92
א מחנה קינדער 93
אין שקיעה־צייט פון מענטש 95

א רעגנבויגן אין דער נאכט

א וואָרט 99
צום לאנד כנען 100
צוגעשמידט 101
ראובני, דער פאסטעך 102
ערב זונאויפגאנג 103
שטראל און צעשטראל זיך 104
אייגנלאנד 106
א חרובע שטאָט 107
אין שטילקייט פון מדברשע טעג 109
ווי זעלטן 111
א בוים 112
אין זוניקן הי 113
צו די כרמל־בערג 114

דיינע שיפן 115
מיין גאָרטן 116

אָ א ז י ס

ווען זון וואכט־אויף 119
נישט איינמאָל שוין 121
פארוואָס 123
האָסט מיך געפירט 124
שבת 125
בין געקומען צו דיר 126
מיר האָבןביידע פארטאָג 127
און ווידער 128
אין דיינע אויגן 129

איך און דער קיינער

אין הפקר פון מיין וואנדערונג . . . 130
אין שפיטאָל 132
איך 133
קיינער 134
שפיל, פידלער 135
נאָך קינדוויים 137
ווי אויפשליסן 138
און אפשר 139

לויטערע ווען

דאָס לאנד 140
פרייטיקצונאכטס 142
גאָך טרעפט זיך אצינד 143
ליד וועגן בעל־תפילה 144
רואיק 145

דער סוד פון א שטיין

נגב 149
„מערת המלח" 150
א פעלדז 152
איך האָב היינט געפרואווט צו דערגיין . . 154
א שטיין 156
דער אָדלער 158
די בערג אינעם זונענפארגאנג 159
מיין טראכט איז פון פורפל 160
ליד וועגן גואל 162

דער ייִנגער מצבה־קריצער 163
די וועלט — אַ ראָד 164
און דאָך 165
צוקונפט 166
דאָס ליד, וואָס מאָנט 167
א פּליט 168
מלאך מכאל 169
א חלום 170
שטערן־לאנדשאפט 171
די וואזע 172
צירק־מיידל 173
א וואָלקן 174
די וואָלקנס אינם זונפארגאנג 175
יידיש 176

טורעם בבל

(סאטירע)

טורעם בבל 179
דער אָקס 181
מורעשקעס 184
לארץ הצבי 187
נישט די וועלט 188
איעדן פארנאכט 189
געשיידט האָט א פרוי זיך 190
אין דעם לאַנד פון נויט און יאָך . . . 191
דער גראַפאָמאן 193
פון א בריוו 195